GERECHTICKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראייני־
גיט אייך, און די
וועלט וועט זיין
אייערע!

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב, כ״ז, ו.)
צו מיין גערעכטיג־
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר ניט אפלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. XI. No. 40. New York, N. Y., Friday, December 27, 1929 — ניו יארק, פרייטאג, 27טען דעצעמבער, 1929 — PRICE 3 CENTS

אינטערנעשאנאל מאביליזירט יוניאן פירערשאפט צום גענעראל סטרייק אין דער דרעס אינדוסטריע

קומענדען מאנטאג אווענט וויכטיגער דזשאינט מיטינג פון אלע לאקאל עקזעקוטיוועס. — דזשענעראל מענעדזשער איזידאר נאגלער וועט פארלעגען פלאן פאר סטרייק־מאשינערי. — שלעזינגער, באראף און דובינסקי צווישען די רעדנער.

די צייט רופט זיך. נאך עטליכע טעג און די ארבייט אין די דרעס שעפער וועט זיך שוין אנפאנגען. די יוניאן איז אבער ענטשלאסען ניט צו דערלויבען אז די ארבייטער אין דער דרעס אינדוסטריע זאלען בלייבען ארבייטען דעם גאנצען סיזאן אונטער די זעלבע אומשטענדען ווי ביז איצט. די סוועט שאפ באדינגונגען און די סוועט שעפער מוזען אויסגעראטעט ווערען. אזוי לאנג ווי דיזער שענדליכער סוועט שאפ צושטאנד וועט ניט פארניכטעט ווערען, וועט די אינטערנעשאנעל ניט רוהען. די יוניאן האט ערקלערט אן אומערמידליכען קאמף געגען דיזען שאנד־סיסטעם און דער קאמף וועט גלייך אויפגענומען ווערען. אין מאנאט יאנואר וועט דער קאמף זיך מסתמא צעפלאקערען. קיין דרעס מאכער טאר ניט שטעהן פון דער ווייטען. יעדער מאן און פרוי אין דער אינדוסטריע מוז צולייגען א האנט צו פארניכטען דעם ערגסטען שונא פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע — דעם סוועט שאפ סיסטעם.

דער דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן אין ניו יארק, ברודער איזידאר נאגלער, האט לעצטען מאנטאג אווענט פארגעלייגט דעם פלאן פאר דער גענעראל סטרייק מאשינערי אין דער אינדוסטריע, פאר'ן מיטינג פון דער באארד אוו דירעקטארס. דער פלאן איז גוטגעהייסען געווארען און ער וועט קומענדען מאנטאג אווענט פארגעלייגט ווערען פאר דער פיהרערשאפט פון אונזער ניו יארקער יוניאן און פון קומענדען דרעס סטרייק.

פרעזידענט שלעזינגער, דובינסקי, באראף, האכמאן, נאגלער און אנדערע וועלען דעם מיטינג אדרעסירען.

קלאוק און דרעסמאכער, דיזער מיטינג איז דער ערשטער סיגנאל פון דער יוניאן צו גרייטקייט פאר'ן קאמף פון די צעהנדליגער טויזענטער דרעסמאכער. דאס איז דער ערשטער פון פילע מאביליזאציאנס־מיטינגען, וואס וועלען פארקומען אין די קומענדע טעג. אין די דרעס מאכער קרייזען מוז איצט ערוואכען דער קלאוקמאכער גייסט פון לעצטען זומער. דער פייער, ענטוזיאזם, באגייסטערונג און אויפאפפערונג, וואס האט געהערשט צווישען די קלאוקמאכער, מוז איצט הערשען צווישען די דרעס מאכער. די היסטארישע מיטינגען אין וועבסטער האל און אין דער ארמארי מוזען זיך ווידערהאלען. דער קאמף מיט'ן סוועט שאפ סיסטעם אין דעם טרייד מוז געפיהרט ווערען מיט דעם זעלבען פייער און ענטשלאסענקייט, ווי עס איז געפיהרט געווארען דער קאמף געגען סוועט שאפ סיסטעם אין דער קלאוק אינדוסטריע.

שוועסטער און ברידער, דרעסמאכער יוניאן מיטגלידער! זאל קיינער פון אייך ניט פעלען צו קומען צום דזשאינט מיטינג פון אלע לאקאל עקזעקוטיוועס!

דער מיטינג וועט פארקומען אין דער רענד סקול, 7 איסט 15טע סטריט.

פרעזידענט שלעזינגער קאנפערירט מיט קליוולענדער מאנופעקטשורערס אסס'ן און אדרעסירט גרויסען יוניאן מיטינג

ברודער בענדזשאמין שלעזינגער, דער פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן, האט פאריגע וואך פארבראכט אין קליוולאנד אין די אינטערעסען פון דער קליוולאנדער יוניאן. מען שרייבט אונז פון קליוולאנד, אז זיין באזוך האט פאר דער דארטיגער יוניאן געהאט א וויכטיגע באדייטונג. ברודער שלעזינגער איז געפאהרען קיין קליוולאנד מיט'ן צוועק זיך צו באטייליגען אין דער קאנפערענץ צווישען דער יוניאן און די קליוולענדער מאנופעקטשורערס אסס'ן, וועלכע איז נען דארט פאריגע וואך אפגעהאלטען געווארען וועגען דער באנייאונג פון אגרימענט, וואס נעהט אויס דיזע טעג. שלעזינגער האט אין משך פון עטליכע טעג קאנפערירט מיט פארשידענע פאקטארען פון דער אינדוסטריע און לעצטען מאנטאג האט ער אויף דער אפיציעלער קאנפערענץ מיט די יוניאן באלעבאטים באגרינדעט די פאדערונגען פון דער יוניאן און האט גרינדליך גערעדט וועגען דער נויטווענדיגקייט און וויכטיגקייט פאר אלע צדדים אין דער אינדוסטריע, וואס וועלען אויף אן אנשטענדיגען אופן מאכען א לעבען פון טרייד — אויסצוראטען דעם סוועט שאפ סיסטעם.

צו דער קאנפערענץ זיינען געקומען אלע יוניאן מאנופעקטשורערס, וואס באשעפטיגען צווישען 65 און 70 פראצענט ארבייטער אין דער אינדוסטריע, און איין נאן יוניאן מאנופעקטשורער. פרעזידענט שלעזינגער'ס אנאליז וועגען דעם איצטיגען צושטאנד אין טרייד, זיין שילדערונג פון צושטאנד פון די ארבייטער און זיינע אנזיכטען וועגען נאציאנאלען קאמפיין געגען סוועט שאפ פראדוקציע, האט געמאכט א מערקווירדיג טיפען איינדרוק אויף אלע אנוועזענדע.

די פאדערונגען פון דער קליוולאנדער יוניאן זיינען:

1) א 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך אנשטאט 42 שטונדען א וואך.

2) אז די מאנופעקטשורערס פון אינסייד שעפער און דזשאבערס זאלען באשעפטיגען בלויז יוניאן שעפער און וועלכע עס עקזיסטירען פולשטענדיגע יוניאן באדינגונגען.

3) אז די דזשאבערס אדער אינסייד מאנופעקטשורערס זאלען זיין פאראנטווארטליך פאר די ארבייטערס ווידזשעס.

נאכדעם ווי ביידע צדדים האבען זיך אויסגע'טענה'ט, איז באשלאסען געווארען אז די קאנפערענצען זאלען ווייטער געפיהרט ווערען און אז א סאב קאמיטע פון ביידע צדדים זאל קומענדיגען דינסטאג האבען די צווייטע קאנפערענץ.

די קליוולאנד יוניאן איז געווען פארטראטען דורך מענעדזשער קריינדלער, ביזנעס אייגענט קאמאווסקי, דזשאינט באארד טשערמאן לואיס פרענקל, מיט ענא עפשטיין און פארטרעטער פון אלע יוניאן לאקאלס אין קליוולאנד. די קליוולאנדער יוניאן האט זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט פון שלעזינגער'ס אנוועזענהייט אין קליוולאנד, און זיי האבען ארראנזשירט א גרויסען מאסס־מיטינג פון אלע ארבייטער אין

(שלוס אויף זייט 2).

צו אלע דרעסמאכער

אפערייטארס, פינישערס, דרייפערס, עקזאמינערס, קלינערס

מאניפעסט

ארויסגעגעבען פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, א. ל. ג. וו. י.

שוועסטער און ברידער:

מיר שטעהען אויפ'ן שוועל פון א דזשענעראל סטרייק!

די קליוולענדער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל האט איינשטימיג און מיט דער גרעסטער באגייסטערונג באשלאסען צו רופען א דזשענעראל סטרייק אין גאנצען דרעס טרייד.

דאס וועט זיין א קאמף פאר דער פארניכטונג פון דעם סוועט־שאפ סיסטעם, א קאמף פאר דער אפשאפונג פון דער אומערטרעגליכער לאגע אין טרייד, א קאמף געגען א מיאוס'ער שקלאפעריי, וועלכע צווינגט מענשען צו ארבייטען טאג און נאכט, שבתים און יום־טובים און וועלכע האט זיי געבראכט צו דער שטופע, אז זיי קענען ניט פארדינען גענוג צו מאכען א לעבען פאר זיך און זייערע פאמיליעס.

צו דעם אלעמען מוז איצט נעמען אן ענדע.

כדי צו פארשטארקען אונזערע רייהען, פארזיכערען א פולשטענדיגען זיג געגען אונזערע באלעבאטים און גלייכצייטיג זיין בכח אנצוהאלטען אונזערע ערווארטעטע געווינסען, איז אומבאדינגט נויטיג, אז יעדער ארבייטער אין טרייד זאל וואס שנעלסטען ווערען א מעמבער פון דער יוניאן. דעריבער האבען מיר באשלאסען ארויסצוגעבען א מאניפעסט, לויט וועלכען יעדער ארבייטער אין טרייד — אויסער פראפעסיאנעלע סקעבס — קען ווערען

א פולשטענדיגער מעמבער פאר דער סומע פון $5.85.

דער מאניפעסט גיהט אריין אין קראפט מאנטאג, דעם 30טען דעצעמבער און איז גילטיג ביז מאנטאג, דעם 20טען יאנואר, 1930.

געוועזענע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל — סוספענדירטע אדער געשטראכענע — באקומען צוריק זייער אלטע מעמבערשיפ, מיט אלע רעכטע און פריוויליגיעס און וועלען זיך קענען באטייליגען אין די וואהלען, באלד נאכ'ן סטרייק, אלס וועהלער און קאנדידאטען.

שוועסטער און ברידער:—

די דרעסמאכער יוניאן מיט איהר שעהנער פארגאנגענהייט, מיט איהרע גרויסע ערובערונגען, וועלכע זיינען אויסגעפאכטען געווארען אין די היסטארישע קאמפען פון 1909, 1913, 1919 און 1923, איז ווידער די קאמפס־ארגאניזאציע, וועלכע זי איז געווען ביז מיט איניגע יאהר צוריק.

דרעסמאכער! נוצט אויס די געלעגענהייט! שליסט זיך גלייך אן אלס מעמבערס. אלע זיינען ווילקאמען! עס מאכט ניט אויס וואס איינעמס פאליטישע אנשויאונגען זיינען. אויב איהר זייט בארייט נאכצוקומען די קאנסטיטוציאנעלע געזעצען פון אונזער אינטערנעשאנאל, זייט איהר ווילקאמען אין אונזער יוניאן.

דרעסמאכער! מיר שטרעקען צו אייך אויס אונזער ברידערליכע האנט. קומט, לאמיר צוזאמען, אונטער דער פאהן פון אונזער גרויסער אינטערנעשאנאל, וויזען די באלעבאטים א סאלידען פראנט און געווינען פאר זיך און אונזערע פאמיליעס א בעסערן און שענערען לעבען.

עס לעבע די דרעסמאכער יוניאן!

עס לעבע די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן!

עקז. באארד דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22,
א. ל. ג. וו. י. — אפיס, 130 איסט 25טע סט.

ווייטערע באשלוסען פון קליוולענדער קאנווענשאן

פינף דאלאר אסעסמענט.

פאריגע וואך האבען מיר געבראכט א רייהע קאנווענשאן באשלוסען, וואס האבען צו טאן מיט'ן קאמפס־פראנט פון דער אינטערנעשאנעל און מיט ארגאניזאציאנעלע יוניאן רעפארמען, וואס זיינען געפאדערט געווארען פון אונזער ברייטער מיטגלידערשאפט. ווען מען האט פאדערונגען, פארשטעהט זיך, אז מען מוז אויך האבען מיטלען. קאמף־באשלוסען זיינען א זעהר וויכטיגע זאך פאר אן ארבייטער ארגאניזאציע. אום די קעמפע ווירקליך צו פיהרען מוז מען אבער האבען דערצו די נויטיגע מיטלען. אונזער יוניאן געפינט זיך פינאנציעל, לײדער, אין א שווערען צושטאנד, אז זי קען דערווייל נאך ניט רעכענען דערויף זיך גלייך צו באזארגען מיט מיטלען פאר דער צוקונפט. די חובות וואס די קאמוניסטען האבען נאך זיך איבערגעלאזט בירושה, זיינען אזוי גרויס, אז די אינטערנעשאנעל מוז טראכטען צו דעקען די חובות, וואס די קאמוניסטען האבען געמאכט אין דער פארגאנגענהייט. עס איז קלאר אז קיינער וועט דאס פאר אונז ניט באצאהלען און אז מיר מוזען די שולדען אליין באצאהלען. די קאנווענשאן האט דעריבער באשלאסען ארויסצולייגען פינף דאלאר א יאהר אויף יעדען מיטגליד פון דער אינטערנעשאנעל אין משך פון צוויי יאהר. מיט דיזע געלדער וועט די יוניאן קענען אנהאלטען צו באצאהלען איהרע חובות. עס איז אהן א צווייפעל, אז די אינטערנעשאנעל וועט דאדורך שטארקען איהר פרעסטיזש, פארגרעסערען דעם פארטרויען צו זיך און אזוי שטארקען איהר ארגאניזאציאנעלען כח, אז עס וועט איהר דאדורך זיכער געלינגען צו פארבעסערען די פארדינסטען פון די ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

דיזער באשלוס וועט צוערשט געהן צו א רעפערענדום, כדי די מיטגלידער אליין זאלען האבען א געלעגענהייט ארויסצוזאגען זייער מיינונג וועגען דעם, און ערשט דאן וועט דער אסעסמענט אריין אין קראפט און וועט אין סאמע ברען פון סעזאן ערשט איינגעמאהנט ווערען.

קאנווענשאן באשליסט א פרייוויליגע קאלעקשאן פאר הילפס־צוועקען.

די אינטערנעשאנעל האט אלעמאל גענומען א גרויסען אנטייל אין אלע געזעלשאפטליכע און הילפס־אקציעס פאר די נויטבאדערפטיגע. דער רוהם פון דער אינטערנעשאנעל איז אויף דיזען געביט אזוי גרויס, אז מען ווענדעט זיך נאך איצט צו איהר פון אלע זייטען נאך הילף, הגם מען ווייסט איהר שלעכטע פינאנציעלע לאגע. און די וואס ווענדען זיך צו איהר, מאכען ניט קיין טעות. דאס האבען אמבעסטען באוויזען די טהאטען פון אונזער יוניאן וועהרענד די לעצטע פאסירונגען אין פאלעסטינא. אבוואהל די אינטערנעשאנעל און אונזערע לאקאל יוניאנס זיינען געווען בעלאדען מיט חובות, האבען זיי אויף א העכסט נאבעלען אופן ערפילט זייער פליכט צו די [illegible] אידען אין ארץ ישראל. עס איז, אלזא, גאר קיין וואונדער ניט, וואס עס האבען זיך צו דער קאנווענשאן געווענדעט כמעט אלע נויטבאדערפטיגע אינסטיטוציעס: די [illegible] פעדערעישאן, דער ארט [illegible] קאמפיין, דער געווערקשאפטען קאמפיין און פילע אנדערע הילפס־אינסטיטוציעס. אזוי ווי די אינטערנעשאנעל האט אבער איצט קיינע מיטלען צו העלפען אלע די ארגאניזאציעס, האט די רעזאלוציאנס קאמיטע געמאכט א רעקאמענדאציע צו דער קאנווענשאן, אז די ניי ערוועהלטע דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד זאל האבען די מאכט צו באשטימען א טאג אין דער צייט פון סעזאן פאר פרייוויליגע קאלעקשאנס אין די שעפער און צו שטעלען א פינאנציעלען פאנד צו העלפען די פארשידענע הילפס־אינסטיטוציעס.

פרעסערס רעזאלוציע וועגען א 20־שעה'דיגער ארבייטס־וואך.

דער פרעסערס לאקאל 35 פון ניו יארק האט אריינגעבראכט צו דער רעזאלוציאנס־קאמיטע פון דער קאנווענשאן א רעזאלוציע וואס שלאגט פאר א 20־שעה'דיגע ארבייטס־וואך פאר פרעסערס אין שעפער וואו עס ווערען באנוצט פרעס־משינען. די פרעסערס האבען א גערעכטע טענה: אזוי ווי די עלעקטרישע פרעס משינען ווארפען ארויס טויזענטער ארבייטער פון דער אינדוסטריע, פארלאנגען זיי אז די ארבייטס־צייט זאל פארקירצט ווערען כדי די ארבייטער זאלען ניט אזוי שטארק ליידען פון דער משינען־ערפינדונג אין א צייט ווען די באלעבאטים פראפיטירען דערפון גרויסע געווינסען. די קאנווענשאן האט אין פרינציפ אנגענומען דיזע רעזאלוציע און האט זי איבערגעגעבען צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פאר ווייטערער באהאנדלונג.

די קאנווענשאן וועגען דעם פארלאנג פון דער פאריערס יוניאן צו שאפען אן ענגערען קאנטאקט צווישען ביידע יוניאנס.

אין'ם קאמוניסטישען צושטערונגס־קאמף פון דער אידישער טרייד־יוניאן באוועגונג, האט א חוץ אונזער יוניאן די פאריערס יוניאן זעהר שטארק געליטען. אין צייט פון שווערען קאמף האט זיך ארויסגעוויזען אז אונזערע קאנסטרוקטיווע יוניאנס, וואס באלאנגען צו דער א. פ. אוו ל., זיינען ניט געווען גענוג ענג פארבונדען. עס איז דעריבער פארשטענדליך און פראקטיש וואס אונזער שוועסטער־יוניאן וויל פאר דער צוקונפט האבען אן ענגערען קאנטאקט פאר קאאפעראציע צווישען ביידע שוועסטער־יוניאנס. די קאנווענשאן האט דעם דאזיגען פארלאנג הארציג באגריסט און האט באשלאסען די גאנצע פראגע איבערצוגעבען צו דער ניי־ערוועהלטער גענ. עקז. באארד צו א גענויער באטראכטונג פון אט דער פראגע.

די קאנווענשאן און דער ארבייטער רינג.

דער ארבייטער רינג אין אמעריקא איז איינע פון די ערפאלגרייכסטע און נאבעלסטע ארגאניזאציעס, וואס די ארבייטער־באוועגונג פון דער גארער וועלט פארמאגט. זי איז אן אמת'ער „רויטער קרייץ" פון דער ארבייטער באוועגונג און רופט זיך אלעמאל ברידערליך אן אויף אלע ערשיינונגען אין דער ארבייטער באוועגונג. אונזער יוניאן האט שוין ניט איין מאל גענאסען פון דער הילף, וואס דער ארבייטער רינג האט אונז געגעבען. ביי יעדען סטרייק און אין צייטען פון נויט איז דער ארבייטער רינג אלעמאל געשטאנען מיט דער אינטערנעשאנאל.

דער ארבייטער רינג איז דער לעצטער פארט אין דער באוועגונג, וואו די קאמוניסטען ברעכען און שפאלטען די ארבייטער־רייהען. דער א. ר. קעמפט מיט ערפאלג געגען די קאמוניסטישע וואנדאלען, און אין זיין קאמף זוכט ער די הילף פון דער ארבייטער־באוועגונג. אין מיטען פון אט דעם קאמף האט דער פרעזידענט פון ארבייטער רינג באגריסט אונזער קאנווענשאן און אפעלירט פאר סאלידאריטעט אין קאמף מיט קאמוניסטישע צושטערער.

פרעזידענט שלעזינגער'ס פארשטעלען פריינד וויינבערג'ן פאר דער קאנווענשאן און די באגייסטערונג מיט וועלכער פר. וויינבערג איז אויפגענומען געווארען פון דער קאנווענשאן, האבען קלאר באוויזען אז די דעלעגאטען ווייסען ווי אפצושעצען די טאטען פון אונזער נאבעלען ארבייטער ארדען.

פרעזידענט וויינבערג'ס רעדע.

צו דער באסטאנער קאנווענשאן האט מיך די נאציאנאלע עקזעקוטיווע דעלעגירט אייך צו ערמוטיגען אין אייער צוקונפטיגען קאמף. צו דער שיקאגאער קאנווענשאן האט איהר אונז דעלעגירט אייער עקטינג פרעזידענט, ברודער דובינסקי, אונז ארויסצודריקען א דאנק פאר דער ארבייט וואס מיר האבען פאר אייך געטאן, און אויך אונז איבערצוגעבען א פרעהליכען גרוס אז די אינטערנעשאנעל האלט אין צוריק אויפגעבויט צו ווערען. היינט צו טאג בין איך צו אייך געקומען ניט בלויז צו ערמוטיגען אייך אין אייער ארבייט, נאר אויסצודריקען אונזער גרויסע צופרידענהייט מיט אייער געוואונענעם קאמף.

איך ווייס אז עס איז אמאל געווען ביי אייך א פראגע וועגען אננעמען און וועגען מיטלען ווי אזוי צו באזארגען אייער מיטגלידערשאפט אין צייט פון קראנקהייט אדער נויט. אבער וואהרשיינליך האט זיך ארויסגעוויזען, אז פאר אייך איז די ארבייט א צו שווערע. איך האלט אז די ארבייט דארפט איהר איבערהויפט ניט איבערנעמען. דער ארבייטער רינג, אלס פראטערנאל ארדער, איז זעהר שטארק פאראינטערעסירט צו האבען אין זיין מיטטע מיטגלידער פון טרייד־יוניאנס, ווייל מיר האלטען אז מיטגלידער פון א יוניאן לעבען אונטער בעסערע אומשטענדען ווי אזעלכע וועלכע זיינען ניט ארגאניזירט. די העכערע ווײדזשעס, בעסערע שאפ באדינגונגען א. א. וו., זיינען א גרויסער געווינס פאר א בעסער לעבען, און דערפאר פאלען זיי ניט צו לאסט אונזער ארגאניזאציע. פון דער צווייטער זייט דארפט איהר זיין פאראינטערעסירט אז אייער מיטגלידערשאפט זאל זיין אין ארבייטער רינג ווייל מיר נעמען פון אייך ארונטער דעם געוואלדיגען יאך, וואס קומט אויס צו האבען אין צייט ווען א מיטגליעד איז קראנק אדער נויטיגט זיך אין הילף.

איך וואלט אייך געבעטען, ברודער פרעזידענט און דעלעגאטען, אז איהר זאלט אננעמען א רעזאלוציע, וועלכע זאל אויסדריקען אט דעם דאזיגען פארלאנג.

און איצט א פאר ווערטער וועגען אייער צושטאנד. איך וויל זאגען די דעלעגאטען פון דער פראווינץ, אז זיי איז ניט באשערט געווען צו זיין אין ניו יארק אין דער צייט פון אייער לעצטען קלאוקמאכער סטרייק און צו זעהן דעם געוואלדיגען ענטוזיאזם, די געוואלדיגע איבערגעבענהייט פון אייערע מיטגלידער צו אייערע פיהרער, מיט וואס פאר א פארטרויען זיי האבען זיך באנומען. דער סטרייק איז געפיהרט געווארען אין זומער, אין די גרעסטע היצען וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען, דאך זיינען די האלס געווען געפאקט, די פיקעט־ליינס האבען פארשוואומען די סיידוואקס פון ניו יארק. נאר פילע האבען זיך אויסגעדריקט אז דאס איז געווען א נס. אבער מיר גלויבען ניט אין נסים. וואלטען אייערע פיהרער ניט געהאט קאמפעטענט, און וואלט אייער מיטגלידערשאפט ניט ארויסגעוויזען אזוי פיעל איבערגעבענהייט צו די פיהרער און דעם ווילען צו האבען א יוניאן, וואלט קיין נס ניט געהאלפען.

ווען איך שטעה דא ביי אייך, איז עס ניט דערפאר וואס איך וויל אייך ערמוטיגען אין אייערע אונטערנעמונגען, נאר דערפאר וואס איך וויל אויסדריקען א מזל טוב צו אייך פאר אייערע ערריכונגען און איך בין זיכער, אז אזוי ווי אין דער פארגאנגענהייט, אזוי אויך אין דער צוקונפט, וועט דער ארבייטער רינג שטעהן מיט אייך און אייך העלפען אין אייערע קעמפע, און אין דעם זין באגריס איך אייך און ווינש אייך גליק אין אייער צוקונפטיגער ארבייט.

די דעלעגאטען פון קאנווענשאן האבען דעם פארטרעטער פון א. ר. געגעבען א הארציגע און ווארימע אויפנאהמע און א באגייסטערטע אוואציע נאך זיין רעדע. די קאנווענשאן האט אויסגעדריקט אנערקענונג און דאנק צו דעם א. ר. פאר דער גרויסער מאראלישער און פינאנציעלער הילף, וואס די ארגאניזאציע האט שטענדיג געגעבען צו דער קלאוקמאכער יוניאן אין אלע איהרע קאמפען. פריינד וויינבערג האט אין זיין באגריסונגס־רעדע אנגעוויזען, אז די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, וועלכע איז ארויס זיגרייך פון דעם קאמף מיט די שטערער און ברעכער פון דער ארבייטער באוועגונג, האט יעצט די בעסטע געלעגענהייט ארויסצואווייזען איהר אמת ברידערליכע באציהונג צום ארבייטער רינג. די יוניאן דארף רופען איהרע מיטגלידער זיך אנצושליסען אין ארבייטער רינג.

אלס רעזולטאט פון פריינד וויינבערג'ס אפיל האט די קאנווענשאן איינשטימיג אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע:

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז דער ארבייטער רינג האט זיך באוויזען אויסצוצייכענען מיט זיין איבערגעבענהייט צו דער ארבייטער באוועגונג און האט געהאלפען אונזער יוניאן אין אלע איהרע קאמפען, אריינרעכענענדיג אויך דעם לעצטען גענעראל סטרייק פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק;

נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז דער ארבייטער רינג האט צו יעדער צייט באוויזען זיין בארייטוויליגקייט צו העלפען אויפבויען דעם לעבענס־סטאנדארד פון די ארבייטער און האט מוטיג געקעמפט פאר די ארבייטער אידעאלען;

נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז דער ארבייטער רינג, אלס פראטערנאל ארגאניזאציע פאר געגענזייטיגער הילף, איז זעהר א וויכטיגער פאקטאר אין דער ארבייטער־באוועגונג;

באשליסט די 20טע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן צו רעקאמענדירען צו איהר נעקסטער גענעראל עקזעקוטיוו באארד ארויסצולאזען אן אויפרוף צו אלע אונזערע מיטגלידער אין די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדע, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אין ארבייטער רינג, פאר זייער אייגענעם פערזענליכען בענעפיט און פאר די נוצען פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

די קאנווענשאן באשליסט אויך, אז די לאקאלען פון דער אינטערנעשאנאל און איהרע גענעראלע באאמטע זאלען העלפען אויף יעדען מעגליכען אופן דעם ארבייטער רינג אין די קאמפיינס, וואס דער ארדען פיהרט אן פאר נייע מיטגלידער.

די קאנווענשאן דריקט אויס די אנערקענונג און הארציגע דאנקבארקייט צום ארבייטער רינג פאר די הילף, וואס ער האט אימער געגעבען צו אונזער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן".

קלאוק קאטערס לאקאל 10 איז דער ערשטער דורכצופיהרען די רעזאלוציע אין לעבען.

אלס באווייז, אז די רעזאלוציע, וואס איז אנגענומען געווארען ביי דער קאנווענשאן וועט ניט בלייבען קיין טויטער בוכשטאב, איז דער פאקט, וואס דער קאטערס לאקאל נומער 10 האט באלד גענומען דורכפיהרען די רעזאלוציע אין לעבען. א גרופע אקטיווע טוער פון לאקאל האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט און זיי ארגאניזירען איצט א בראנטש פון ארבייטער רינג. איבער 100 מיטגלידער פון קאטערס לאקאל האבען זיך שוין פארשריבען אין דעם נייעם בראנטש. לויט דער ענערגישער אקטיוויטעט פון דער גרופע, וואס פיהרט אן די ארבייט, איז צו ערווארטען, אז צום אינסטאליישאן וועט דער א. ר. בראנטש פון קאטערס לאקאל האבען ארום 500 מיטגלידער.

דער ערשטער ארגאניזאציאנס־מיטינג פון דעם ניי־געגרינדעטען בראנטש איז געווען מיטוואך, דעם 18טען דעצעמבער, 6.30 אין אווענט, אין אפיס פון קאטערס לאקאל 10, 109 וועסט 38טע סט., און איז געווען א גרויסער ערפאלג.

צווישען די פילע פריינד פון אונזער יוניאן וואס זיינען געקומען צו דער קאנווענשאן באגריסען אונזער ארגאניזאציע, האט זיך אויך געפונען א פארטרעטער פון דער „פרייער ארבייטער שטימע", גענאסע מינץ, וועלכער האט באגריסט די קאנווענשאן און איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג.

פעלער אויסבעסערונג.

אין דעם ארטיקעל פון נ. ס. [illegible], וועלכער איז ערשינען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" האט זיך אריינגעכאפט א טיפאגראפישער פעלער, וועלכער האט [illegible] דעם געדאנק פון יענעם פאראגראף. אנשטאט דעם ווארט פארמעסטערען זיך, איז געשטעלט געווארען „[illegible] זיך די [illegible] [illegible]". [illegible] האט דער [illegible] דער [illegible] אין א יוניאן [illegible]...

לעצטע איינצאלונגען פאר סטרייק טעקס

סיינבערג און לעבאוו, 36 גרין סטריט	135.30
שטיינער און ווייסמאן, 2—4 איסט בראדוויי	96.00
א. טעפער, 445 בראדוויי	86.50
ד. בראדסקי, 97 דיוויזשאן סטריט	54.20
לעססער און נינדוס, 39 איסט בראדוויי (2)	145.90
פ. און ס., (סמארט קלאוק), 47 איסט בראדוויי (2)	105.50
מעי און אזואנס, 48 איסט בראדוויי (2)	117.30
סילבער, קארנפעלד און וויינטרוב, 35 איסט בראדוויי (2)	134.15
ס. גינסבערג, 54 איסט 13 (2)	186.45
וואכטשטיין, 130 א. 7 (2)	88.40
אקון און בערנער, 46 איסט בראדוויי (2)	79.00
סאליד קלאוק קא., 368 א. 148טע סט.	87.00
קעפיטאל קידדי קאוט קא., 494 — 8טע עוו.	145.20
דעבבי קאוטס, 255 וו. 38	78.40
בארעצקי און בוססער, 267 וו. 39 (3)	160.80
סטייט קלאוק קא., 251 וו. 39	33.60
ה. פריעד, 164 וו. 25 (2)	189.20
ה. ראיס, 1333 בראדוויי (2)	205.00
ה. דייווים און סאן, 240 וו. 35	331.20
מעסקין בראס., 553 — 8טע עוועניו (2)	227.38
אראן ראזען, 251 וו. 35 (2)	335.30
טהאו און מאזער, 253 וו. 26 (2)	144.90
דושיי און איי. בערנשטיין, 257 וו. 39 (2)	135.30
גראבער און וואלף, 257 וו. 39 (2)	108.00
זארעצקי און בוססער, 257 וו. 39 (2)	197.10
בארנשטיין און קאהען, 257 וו. 39 (2)	89.70
ראיאל קלאוק, 257 וו. 39	36.80
גאלדמאן און לאווים, 553 — 8טע עווע. (2)	154.14
ד. בישאף, (2) 372 ווערמאנט סט., ב'לין	61.08
ט. און מ., 534 — 8טע עוועניו (2)	120.40
ר. נאדעל און קא., 40 וועסט 26	92.20
נאוועגסקי בראס., 273 וועסט 39	132.40
ברייזינער און נאשאו, 218 וועסט 37	127.20
רענאון נאוועלטי קא., 135 וועסט 36	58.00
קאמעא קאוט קא., 246 וועסט 38	191.20
גרענט קלאוק קא., 307 וועסט 36 (4)	81.70
ב. עוועדאן, 28 איסט בראדוויי	40.15
וויטענבערג און ווייגער, 45 איסט בראדוויי (2)	87.60
א. אינסקי, 41 דיוויזשאן סטריט (2)	62.00
שמנער און אייזענבערג, 46 איסט בראדוויי (2)	80.10
עמפייר קלאוק קא., 55 איסט 9טע סט. (2)	114.00
ב. און וו., 2 א. בראדוויי	150.20
בראדי און פישלסאן, 71 איסט בראדוויי (2)	99.10
בארנשטיין בראס., 47. דיוויזשאן סט. (2)	114.40
ווילסאן קלאוק קא., 55 איסט בראדוויי (2)	121.70
פאסעי קאוט קארפ., 48 איסט בראדוויי	22.20
דזש. קירשנער, 256 וו. 38	174.40
פיקא און גאלליטאני, 539 לארימער סט., ב'לין	93.00
מיללער און דרעסנער, 376 פרוס עוועניו, ב'לין	134.30
בארקאוויץ און סאסנאווסקי, 1388 ברשוויק עווע.	100.40
ר. דזשייקאבס, 347 לארימער סט., ב'לין	216.00
ס. [illegible], 39 מאנטראוז עווע. ב'לין	76.40
עליים קלאוק קא., 187 ווארען סט., ב'לין	74.00
פ. אינגראסיא, 175 סטענ עווע., ב'לין	83.20
ראוז קלאוק קא., 90 מאסעראל סט., ב'לין	99.00
אדראמא גרילא, 209 מאסעראל סט., ב'לין	89.92
אירווינג קאוט קא., 10 באלווידערא סט., ב'לין	69.80
סאראוויק, 291 אדאמס סט., ב'לין	156.50
באראנדעס, קוטלער און פאנעל־מאן, 35—37 א. בראדוויי,	$ 78.60
סטראקער און בלאק, 35 איסט בראדוויי	58.10
א. אלדאטי, 39 א. בראדוויי,	114.10
ליבער און הינדוס, 39 איסט בראדוויי	10.50
עקסטרעמס קלאוק קא., 284 וועסט 35 טע סטריט	109.00
כ. און ז. קלאוק קא., 135 וו. 26טע סטריט	126.00
קערן און טישענסער, 520 — 8טע עוועניו	59.00
ב. און י., 100 וואיט סטריט, ברוקלין	465.20
בעדפארד קלאוק קא., 1256 בעדפארד עווע., ברוקלין	208.20
איינאנא, 238 ביירום סטריט, ברוקלין	51.90
לאנגעלא, 228 מאנטראוז עווע., ברוקלין	109.48
כקודערי, 164 גרעהעם עוועניו, ברוקלין	56.96
אראנאוויטש און שיטאפי בראס., 7 א. בראדוויי	30.20
וואנדט און ווינער, 84 יוניווער־ סיטי פלייס	105.20
אטער און טשיטאפסקי, 5 איסט בראדוויי	102.40
גאלדבערג בראס., 105 דיוויי זשאן סטריט	72.60
מיידקי קאוטס, 520 אכטע עוו.	210.40
בען ראטבלום, 247 וו. 37 סט.	249.80
קער און שטיינבערג, 266 וו. 37טע סטריט	190.40
ס. און ק. קלאוק, 49 וו. 27 סט.	34.20
פרימעריזארא, 222 לעאנארד סט., ב'לין	104.50
אלטמאן און סאן, 238 בערום סט., ב'לין	103.80
נאסאלווא, 200 מעסעראל סט., ב'לין	86.00
מאדערן קלאוק קא., 124 עללערי סט., ב'לין	118.80
סי. און סי. קלאוק קא., 1035 ווילאהביי עווע., ב'לין	204.40
טשארנעצי, 236 גראהאם עווע., ב'לין	132.30
גאנסי, 135 לעאנארד סט., ב'לין	112.90
עססי קלאוק קא., 323 וו. 39 (3)	145.00
מייקעלס קאוט קא., 135 וו. 39 (2)	120.80
מייקעלס קלאוק קא., 315 וו. 39טע סט.	120.80
אמאר קאיאם, 21 וו. 46טע סט.	164.40

פילאדעלפיער שעפער פאר די געליטענע פון פאגראמען אין פאלעסטינע.

די ארבייטער פון:

גאלדסטיין	30.00
גאלדשטיין און טשודנאף	20.00
באגין	13.50
גילפען ענד טרייבען	14.00
אסטאר און קריימער	24.00

ביישטייערונגען טאג ארבעט — — — —

ראוויץ פראשאנסקי, 266 וועסט 40 (2)	$127.15
שטיינבערג בראס., 215 וועסט 40 (2)	153.20
בלעקמאן־לואיס, 229 וועסט 36	20.20
גראסמאן און שפיגעל, 500 — 7טע עוועניו	18.00
מעריס קלאוק, 347 וועסט 39	39.40
וויינבערג קלאוק קא., 104 וועסט 27	129.80
מעסטער קלאוק האוז, 270 וועסט 38 (2)	103.00
לעווער בראס., 215 וועסט 40	134.70
ס. גינזבורג און סאן, 270 וועסט 38	35.20
מעקס בעטראן, 141 וועסט 36 (2)	134.70
וועיר פיין קלאוק קא., 520 — 8טע עוועניו	173.00
העללער און ווינשטיין, 555 — 3טע עוועניו (2)	94.30
קלאסיק קידדי קאוט, 270 וועסט 38 (2)	75.70
קעססער און באקסס, 27 וועסט 24 (2)	92.80
נודועי מאנופעקטשורינג קא., 20 וועסט 27 (2)	105.20

אלעקסאנדער שטיין

פון פילאדעלפיא איז אונז אנגעקומען די טרויעריגע ידיעה, אז ברודער אלעקסאנדער שטיין איז מיטוואך, דעם 18טען דעצעמבער, געשטארבען נאך א זעהר לאנגער קראנקהייט.

ברודער שטיין האט יאהרען לאנג געליטען פון א שווערער נירען קראנקהייט.

נאר ניט לאנג צוריק, ווען ער האט זיך אזוי ענערגיש באטייליגט אין דעם ארגאניזאציאנס דרייוו פון דער פילאדעלפיער דרעס און ווייסט מאכער יוניאן, האט זיין צושטאנד זיך פארערגערט און ער האט געמוזט גיין אין האספיטאל, וואו ער האט דעם טויט באגעגנט.

שטיין איז איינינע יאהר געוועזען אן אקטיווער מיטגליד אין לאקאל 50. ער האט זיך באטייליגט אין יעדען קאמף וואס די יוניאן האט אנגעפירט צו פארבעסערען די לאגע פון די דרעסמאכער אין פילאדעלפיא. ער איז געוועזען איינער, וועמעס איבערגעבענהייט און טרייהייט צו דער יוניאן איז אומפארגלייכבאר. ערד איז באליבט געוועזען ביי דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון פילאדעלפיא.

די נאכריכט פון דעם טויט האט ארויסגערופען דעם טיפסטען טרויער אין אלע קרייזען פון טרייד.

שטיין איז מיט יאהרען צוריק געוועזען טעטיג אין דער סאציאליסטישער באוועגונג און ער האט געהערט צו דעם אידעאלען טיפ טרייד יוניאן טוער.

די לויה איז פארגעקומען לעצטען פרייטאג ביינאכט. כמעט אלע יוניאן שעפער האבען געסטאפט פון דער ארבייט. זיין קערפער איז געבראכט געווארען אין לייבאר אינסטיטוט און טויזענטער ארבייטער האבען דעם אומפארגעסליכען ארבייטער קעמפער צוגעטיילט די לעצטע עהרע.

וועגען שטיינ'ס פערזענליכקייט און וועגען זיינע פארדינסטען פאר דער יוניאן האבען גערעדט וויס פרעזידענט רייזבערג, ברודער רובין, מעלאמעד, וויניס און בר. מארים דאמסקי.

אין דער לויה האבען זיך באטייליגט א גרויסע צאהל ארבייטער.

אויף א מיטינג פון דזשאינט באארד וואס האט סטאטגעפונען מיטוואך, דעם 18טען דעצעמבער, און וועלכער האט זיך דערוואוסט וועגען דער טרויעריגער נאכריכט פון ברודער שטיינ'ס טויט, האט אנגענומען די פאלגענדע טרויער רעזאלוציע:

אין נאמען פון דזשאינט באארד און דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאנס פון פילאדעלפיא, ערקלערען מיר, אז וויסענדיג די איבערגעבענהייט, טרייהייט און ליבע וואס אונזער ערשט פארשטארבענער בר. שטיין האט ביי זיך אין הארצען געטראגען צו אונזערע ארגאניזאציעס, און וויסענדיג דעם אומאויפהערליכען קאמף וואס ברודער שטיין האט שטענדיג אנגעפירט צו פארבעסערען און פארלייכטערען די לאגע פון וואס ארבייטען ביי די ווייסטס און דרעסער, וויסענדיג דאס אלעס, דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען טרויער און צער.

מיר דריקען אויך אויס אונזער מיטלייד צו זיין ווייב, וועלכע האט איהם געהאלפען און ערמוטיגט צו בויען און שטארקען אונזערע יוניאנס.

מיט געבויגענע קעפ טרויערען מיר אויף אונזער פארלוסט.

מאקס רודין, טשערמאן.
א. איינבינדער, סעק.

פרעזידענט שלעזינגער קאנפערירט מיט קליוולענדער מאנופעקטשורערס

(שלוס פון זייט 1).

טרייד. דער מיטינג איז טראץ דעם שלעכטען וועטער געווען א גרויסער ערפאלג.

פרעזידענט שלעזינגער און עקזעקוטיוו־וויס־פרעזידענט נינפא האבען מיט זייערע רעדעס באגייסטערט די ארבייטער פאר א עווענטועלען קאמף און האבען זיי אויפגעפאדערט צו הערען דעם רוף פון דער יוניאן, ווען די יוניאן וועט זיי רופען. דער ענטוזיאזם און באגייסטערונג, וואס האט געהערשט אויפ'ן מיטינג און די שטורמישע אפלאדיסמענטען, וואס די הויפט באאמטע פון דער אינטערנעשאנעל האבען באקומען, איז געווען דער בעסטער באווייז אז די קליוולאנדער ברידער און שוועסטער שטעהען גרייט צום קאמף.

פרעזידענט שלעזינגער האט נאך זיין צוריקקומען קיין ניו יארק, פאר'ן פארטרעטער פון דער „גערעכטיגקייט" ערקלערט, אז ער איז צופרידען מיט'ן פארלויף פון די ערשטע קאנפערענץ פארהאנדלונגען און נאך מעהרער איז ער צופרידען מיט דעם קאמפס־ און ארגאניזאציאנס־גייסט, וואס ער האט אנגעטראפען אין אונזערע קליוולאנדער יוניאן רייען.

די אנדערע רעדנער אויפ'ן מיטינג זיינען געווען: אנא עפשטיין, קריינלער, קאטאווסקי און פרענד.

„ארט" עפענט צושניידער־קורסען פאר קאמאשען־שטעפער אין ווארשע

דער „א ר ט" האט פארנומען צווישען דער א י ד י ש ע ר מלאכה אין פוילען זעהר א וויכטיגען פלאץ נאך פון דער צייט פאר דעם קריג. אין ווארשע אליין זיינען פאראן עטליכע טויזענט שטעפער. ביז דא ניט לאנג האט זיך דער דאזיגער פאך געפונען אויסשליסליך אין אידישע הענט. פאר דער לעצטער צייט האבען אין דעם שטעפער־פאך אנגעהויבען אריינצודרינגען אויך ניט־אידישע ארבייטער. דאך איז עס א פאך, וואס אין זיין איבערווינענדער מערהייט באשטעהט עס נאך אויך איצט פון אידען.

מען דארף אנערקענען, אז אין אלגעמיין זיינען די אידישע שטעפער נאר ניט קיין שלעכטע ארבייטער. זיי קאנען גוט דעם פאך. אבער די מאדערנע טעכניק, וואס דרינגט אריין אין אלע צווייגען פון אינדוסטריע און מלאכה, האט אויך ניט אויסגעמיטען דעם שטעפער פאך. פאר דעם אידישען שטעפער אין פוילען שטעהט איצט די אויפגאבע צו ספעציאליזירען זיך אינ'ם פיינעם אויסארבייטען פונ'ם שוך, כדי ער זאל קענען אנהאלטען זיין פאזיציע.

פאר די לעצטע דריי יאהר האבען זיך די אידישע שטעפער ניט איינמאל געווענדעט צום „ארט" מיט דער ביטע איינצוארדענען פאר זיי ספעציעלע קורסען. עס זיינען אבער געשטאנען פיל שטערונגען אין וועג. דערהויפט די מניעה פון מיטלען, פון געלד.

איצט איז דער „ארט" צוגעטראטען צו דער דאזיגער אויפגאבע. די קורסען פונ'ם „ארט" פאר די אידישע שטעפער אין ווארשע האבען זיך שוין געעפענט.

חיות אבער די צאהל שטעפער, וואס האבען געוואלט אנקומען אויף די קורסען, איז צו גרויס, איז באשלאסען געווארען איינצופיהרען אן עקזאמען. שפעטער, ווען די מיטלען וועלען זיך פארבעסערען, וועלען זיך די קורסען פארברייטערען.

סוועט שאפּס אין קליוולענדער קלאוק און דרעס אינדוסטרי און דער קומענדער דזשענעראל סטרייק

דריי מיינונגען וועגען דער לאגע פון די קלאוק און דרעס־מאכער אין קליוולאנד. — ווער איז גערעכט?

פון מאריס זיסקינד.

דער באשלוס פון דער אינטערנעשאנעל קאנווענשאן צו רופען א דזשענעראל סטרייק אין קליוולאנד מיט דעם צוועק אפּצושאפען די סוועט שעפער, וועלכע האבען זיך אנטוויקעלט אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע, האט ארויסגערופען זעהר א שארפע און אינטערעסאנטע דיסקוסיע פון דריי באזונדערע קוואלען.

די אפען־שאפערס, די וועלכע געהען אונטער דער מאסקע פון פאטריאטיזם און טראגען דעם נאמען „אמעריקען פלען אסאסיאיישאן", האבען אויסגעהויבען א געשריי אז די אינטערנעשאנעל וועט באגעהן „א פארברעכען" ווען זי וועט ארויסרופען א סטרייק אין קליוולאנד אין דער צייט ווען פרעז. הואווער טרייט סטאביליזירען ביזנעס און פרעזידענט גרין פון דער א. פ. און ל. האט פארשפראכען צו העלפען אנהאלטען פרידען אין די אינדוסטריען פון לאנד.

מיט דער טענה פון „פאטריאטיזם און פרידען" איז ארויסגעקומען דער באוואוסטער „פאטריאט" ס. בלומענפעלד, דער טשערמאן פון דער אפען שאפ, אדער אמעריקען פלען אסאסיאיישאן פון קליוולאנד.

ער קען ניט באגרייפען ווי אזוי א מאן קען ריידען פון א סטרייק אין א צייט ווען אלע ווילען זעהן עס זאל ניט זיין קיין צושטעל אין דער ארבייט.

פון זיינע טענות זעהט מען אבער, אז ער איז גאנץ ווייניג אינטערעסירט אין דער פראגע פון אינדוסטריעלען פרידען און זיין פאטריאטיזם געהט אויך ניט ווייטער ווי זיינע באלדיגע עקאנאמישע אינטערעסען, וועלכע ער פארטיידיגט דורך פרעדיגען און פארטיידיגען די אפען שאפ פאליסים פון די אמעריקאנער דאלאר־פאטריאטען.

מר. בלומענפעלד זאגט גאנץ אפען, אז ער איז געגען דעם באשלוס פון דער אינטערנעשאנעל צו רופען א סטרייק אפּצושאפען די סוועט שעפער, דערפאר וואס ער איז פאר די אפען שאפּס און די אינטערנעשאנעל וויל איינפיהרען די קלאוזד שאפ.

דיזער פארטיידיגער פון אפען שאפ שעמט זיך ניט צו זאגען, אז די קלאוק און דרעס מאנופעקטשורערס, וועלכע אנערקענען ניט קיין יוניאן „קריגען זיך ניט מיט די רעכטע פון די ארבייטער צו ארגאניזירען זיך", און באלד נאכדעם ווי ער ענדיגט דיזען פסוק, זאגט ער גלייך, אז „זיי וועלען באקעמפען יעדען פארזוך פון אירגענד וועלכע ארגאניזאציע ארויסצוצווינגען די אונאמעריקאנער קלאוזד שאפ פאליסי אויף דער אינדוסטריע און פארלייקענען דאס רעכט פון ארבייטער צו ווערען באשעפטיגט אין דער צייט ווען ער אנטזאגט זיך צו צאהלען צו א יוניאן".

מר. בלומענפעלד פארטיידיגט דאס רעכט פון ארבייטער נישט צו געהערען און ניט צו צאהלען צו א יוניאן. ער איז אבער געגען דעם אז א יוניאן זאל פאדערען דאס רעכט פאר ארבייטער צו געהערען צו א יוניאן. ער זאגט אז ער קריגט זיך ניט מיט דאס רעכט צו געהערען צו א יוניאן, דאס מיינט אז ער גיט צו אז ארבייטער האבען א רעכט צו באלאנגען צו א יוניאן, א ב ע ר ער וויל פון זיי ניט וויסען, אין זיין שאפ קען קיינער איהם ניט זאגען קיין דעה און קיינער קען ניט געהערען צו קיין יוניאן.

דער פארטיידיגער פון אפען שאפ באריהמט זיך, אז די ליידיס גארמענטס אינדוסטריע איז געוואקסען אלס א רעזולטאט פון אפען שאפ באדינגונגען.

וואס מיינט עס אז די אינדוסטריע איז געוואקסען? מיינט עס אז די באסעס האבען געמאכט מעהר פראפיטען? מיינט עס אז עס איז געווען מעהר ארבייט? אויב דאס איז א פאקט, איז ערשט די פליכט פון דער יוניאן צו קעמפען געגען די אפען שאפ באדינגונגען דערפאר, וואס די פראפיטען וועלכע די אפען שאפ באסעס מאכען, קומען פון די סוועט שאפ באדינגונגען, פון די עקספלאטאציע פון די שקלאפ־דיי אין וועלכע זיי האלטען זייערע אומארגאניזירטע ארבייטער.

א ריכטיגע אפשאצונג און ענטפער צו דעם פרעזידענט פון די אפען שאפערס האט געגעבען דר. דזשיי ה. האלאנדער, דער אומפארטייאישער טשערמאן פון דער קלאוק אינדוסטריע פון קליוולאנד.

דר. האלאנדער האט ערקלערט, אז די אפען־שאפערס, די וועלכע זיינען געגען קאלעקטיוו באריינינג, זיינען פאראזיטען אויף דער אינדוסטריע. „קאמפאניס, וועלכע זיינען פארנומען אדער זיינען באשעפטיגט אין איין און דער זעלבער אינדוסטריע, וועלכע שליסען זיך ניט אן מיט די וואס קאאפערירען מיט דער יוניאן, זיינען פאראזיטען".

און פאראזיטען זיינען זיי אויף דער אינדוסטריע, גראדע ווי די ארבייטער, וועלכע אנטזאגען זיך אנצושליסען זיך אן א יוניאן זיינען פאראזיטען אויף די ארגאניזירטע ארבייטער.

דר. האלענדער האט אויסגעדריקט א מיינונג, אז פון זיין עלף־יעהריגער ערפאהרונג אלס אומפארטייאישער טשערמאן, איז ער איבערצייגט אז דער טאג פון די אנטי־יוניאניסטען איז פארביי, טראץ דעם וואס עס זיינען נאך דא א קליינע צאהל וועלכע שטעלען אויס זייער ברוסט און זאגען אז זיי ווילען ניט האבען צו טאן מיט יוניאנס.

די אינטעליגענטע און די וואס באזיצען דעם איינפאכען מענשליכען פארשטאנד, געהען אלץ מעהר אין דער ריכטונג פון קאלעקטיוו באריינינג און די יוניאניזירונג פון די ארבייטער.

מר. בלומענפעלד מעג זיך ארייננעמען אין קאפ די ווערטער פון דר. האללענדער און ער מעג זיך צוהערען צו זיין פריינד און קאלעגע מילארד מ. ראאב, פרעזידענט פון די ראאב קלאדינג קאמפאני, וועלכע האט לעצטע וואך געסיינט אן אגרימענט מיט דער אמאלגאמייטעד.

דער פרעזידענט פון ראאב ברידערס קלאדינג קאמפאני איז אויך געווען אן אנהענגער פון אפען שאפ. ער האט זיך אבער איבערצייגט, אז עס איז ראטזאמער און בעסער צו פארהאנדלען קאלעקטיוו מיט דער יוניאן און קריגען די קאאפעראציע פון די ארבייטער אין די אינטערעסען פון דער אינדוסטריע אלס גאנצע. ווען די אפען־שאפערס וואלטען געווען עהרליך און אייסגעהאלטען אין זייערע מיינונגען, ווען זיי וואלטען ניט געווען קיין אויטאקראטען און עגאאיסטען און וואלטען געזארגט פאר דער אינדוסטריע, ווי זיי טענה'ן, אז זיי זארגען, וואלטען זיי אריינגענומען אין חשבון די אינטערעסען פון די ארבייטער, וועלכע זיינען דער רוקען־ביין פון יעדער אינדוסטריע.

מר. בלומענפעלד וועט מוזען צוגעבען, אז די מענער קליידער מאנופעקטשורערס פון ניו יארק, שיקאגא, פילאדעלפיא און סינסינעטי, זיינען גראדע אזעלכע פעהיגע ביזנעס לייט און האבען אזוי ליעב זייערע פראפיטען ווי זיין חברה אמעריקען פלענערס.

ער וועט מוזען צוגעבען, אז די קלאוק מאנופעקטשורערס פון לאנד, וועלכע האבען קאלעקטיוו באריינינג אגרימענטס מיט דער אינטערנעשאנעל, זיינען אויך ניט קיין קינדער און ווילען אויך עקזיסטירען און מאכען פראפיטען אויף זייערע אינוועסטמענטס.

א גוטען ענטפער צו דעם פארטיידיגער פון די אפען־שאפערס פון קליוולאנד געפינען מיר אין א סטייטמענט, וועלכען פרעזידענט שלעזינגער, פון דער אינטערנעשאנעל, האט ארויסגעגעבען אין דער צייט ווען בלומענפעלד האט אטאקירט די קאנווענשאן פאר אננעמען א באשלוס צו רופען א דזשענעראל סטרייק אפּצושאפען די סוועט שעפער אין קליוולאנד.

שלעזינגער ערקלערט, אז מר. בלומענפעלד ארגערט זיך אומזיסט פאר די קלאוזד שאפּס. די אינטערנעשאנעל וועט ניט קענען איינפיהרען די קלאוזד שאפ, נאר אפּצושאפען די סוועט שאפּס אין דער אינדוסטריע.

די יוניאן פון קליוולאנד פאדערט ניט אין דעם אגרימענט מיט די קליוולאנדער מאנופעקטשורערס, אז מען זאל באשעפטיגען בלויז יוניאן מעמבערס. אלעס וואס דער אגרימענט שרייבט פאר איז אז מען זאל ניט דיסקרימינירען, ניט אויסזעצען געגען די ארבייטער, וועלכע זיינען מעמבערס פון דער יוניאן.

דער אמת'ער קאמף איז, אזוי ווי אין אלע אנדערע צענטערס פון דער אינדוסטריע, געגען די אומערטרעגליכע סוועט שעפער. „אין דעם קאמף", זאגט שלעזינגער, „בעטען מיר די באלעבאטים זאלען העלפען זיי ארויסצוטרייבען. די הויפט אורזאכע ווארום די יוניאן איז ענטשלאסען אפּצושאפען די סוועט שעפער פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע איז אזוי אלט ווי דער אנפאנג פון די ארגאניזירונג פון די קלאוק און דרעס מאכער פון קליוולאנד".

שלעזינגער באווייזט עס מיט פאקטען פון דער געשיכטע פון קליוולאנדער מארקעט. קליוולאנד איז ביז מיט צעהן־עלף יאהר צוריק געווען דער בילינסטער מארקעט אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע. צוליב די סוועט שאפ באדינגונגען און צוליב די נידעריגע ווייידזשעס פלעגען די ניו יארקער באיערס, קאסטאמערס, קויפען זייערע קליידער אין קליוולאנד, דערפאר וואס זיי פלעגען דא קענען קריגען ביליגער. די סוועט שאפּס זיינען געווען גרויס אין צאהל און זאגאר אין די בעסערע שעפער איז די ווייידזשעס געווען נידעריג און די ארבייטס־שטונדען לאנג. אפּצושאפען דיזע אומערטרעגליכע אומשטענדען איז אין 1919 גערופען געווארען א דזשענעראל סטרייק, און ניוטאן ד. בייקער, געוועזענער סעקרעטער אוו וואר, האט געבראכט פרידען אין דער אינדוסטריע דורך ארביטריישאן. זייט דאן איז געווען פרידען אין קליוולאנד. אין די לעצטע עטליכע יאהר האט זיך אנטוויקעלט א צושטאנד וועלכער איז ניט נאר שלעכט פאר די ארבייטער, נאר די מא־[illegible] וועלכע ווילען אנערקענען דאס רעכט פון די ארבייטער צו זיין ארגאניזירט, די וואס גלויבען אז ארבייטער דארפען פארדינען אן אנשטענדיגען לעבען פאר זייערע פאמיליען, זיי ל י י ד ע ן פון די סוועט שאפ באדינגונגען, וועלכע די אמעריקען פלענערס האלטען אן אין זייערע שעפער און זיי שעדיגען ניט נאר די ארבייטער, נאר זיי גראבען אונטער דעם פונדאמענט פון דער גאנצער פרויען קליידער אינדוסטריע אין לאנד.

עס איז דארום ניט געבליבען קיין אנדער וועג פאר דער יוניאן אין קליוולאנד ווי צו באקעמפען די אפען שאפערס דורך א דזשענעראל סטרייק און צווינגען זיי צו אנערקענען דעם פרינציפ פון קאלעקטיוו באריינינג און דאס רעכט פון די ארבייטער צו זיין ארגאניזירט, גראדע ווי די אפען שאפ באסעס האבען א רעכט צו געהערען צו דער אמעריקען פלען אסאסיאיישאן.

עקס־פרעזידענט ה. גראסמאן ערנסט קראנק.

ברודער ה. גראסמאן, געוועזענער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, איז ערנסט קראנק געווארען און געפינט זיך זינט עטליכע טעג אין מאונט סיינאי האספיטאל. די דאקטוירים האבען פעסטגעשטעלט, אז ער האט א טומאר אויפ'ן פענכאר. ער וועט העכסט ווארשיינליך מוזען אפערירט ווערען.

רעזאלוציע.

מיר, די ארבייטער פון לאופער און שניידערס שאפ, 307 וועסט 38טע סט., פארזאמעלט ביי א שאפ־מיטינג, דינסטאג דעם 17טען דעצעמבער, אין אפיס פון דער דזשאינט באארד, נעהמען אן פאלגענדע רעזאלוציע:

נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז ברודער פריינק ראלער, אונזער שאפ־טשערמאן, האט געטריי געדיענט אונזערע אינטערעסען אין שאפ פאר א לאנגער צייט, דריקען מיר אויס אונזער דאנקבארקייט צו איהם און מיר פרעזענטירען איהם מיט דער סומע פון פופציג דאלאר. מיר ווינשען איהם, ער זאל עס געזונטערהייט פארנוצען.

מיט ברודער גרוס,
די קאמיטע:
העגרי ווילענבערג, לאקאל 9, נום. 8
דזש. מארשאל, לאקאל 5, נום. 447
דזש. בלומענטאל, לאק. 35, 2477
סעם קאוואליר, לאק. 48, 6627

דער
ארבייטער רינג
אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00
מיטגלידער — 83,000
בראנטשעס — 740

דער ארב. רינג שיצט זיך [illegible]
דער ארב. רינג איז דער קול [illegible] אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן איינענעם סאנאטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

פאר אינפארמאציע ווענדעט זיך:
THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Journal

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union. Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y. Tel. Chelsea 2148

BENJ. SCHLESINGER, Pres. A. BAROFF, Sec'y-Treas.
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XI. No. 40. Friday, Dec. 27, 1929

Entered as second class matter June 5, 1919, at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

דער אומפארמיידליכער דרעסמאכער סטרייק

מיר קומען געהענטער צו דעם סטרייק אין דער דרעס אינדוסטריע. מיט יעדען טאג ווערען די פארבערייטונגען צום סטרייק ברייטער, שטארקער, גאנצער. דער סטרייק איז אומפארמיידליך. די דרעס אינדוסטריע מוז ארגאניזירט ווערען. דער איצטיגער הפקר־צושטאנד אין דער דרעס אינדוסטריע קען ניט און טאר ניט לענגער אנהאלטען. די דרעסמאכער האבען אמאל געהאט א גרויסע, שטארקע יוניאן און זיי מוזען עס אויך ווייטער האבען. די דרעס אינדוסטריע איז איינע פון די רייכסטע. עס איז אן אינדוסטריע, וואס באטרעפט הונדערטער מיליאנען דאלאר א יאהר, און די ארבייטער זיינען בארעכטיגט צו מאכען אין איהר אן אנשטענדיגען לעבען.

מיר ווילען זיך ניט נארען און זיך איינרעדען, אז דער קאמף, וואס שטעהט אונז פאר, איז א לייכטער. מיר ווייסען ווי ווייט דיסארגאניזירט די דרעס אינדוסטריע איז און אין וואס פאר א כאאטישען צושטאנד זי געפינט זיך. מיר ווייסען ווי גרינדליך די קאמוניסטען האבען אלץ רואינירט און ווי גרויס עס איז די דעמאראליזאציע, וואס זיי האבען אריינגעבראכט אין דעם טרייד. מיר ווייסען אויך, ווי שווער עס איז אויסצוראטען און אויסצורייסען דעם סוועטשאפ, וואס האט זיך אזוי טיף איינגעווארצעלט אין דער דרעס אינדוסטריע; און מיר ווייסען אויך ווי שווער עס איז אנצופיהרען א קאמף אויף אזא גרויסער, אויסגעשפרייטער טעריטאריע, אויף וועלכער די גרויסע צאהל דרעסשעפער זיינען פאנאנדערגעווארפען.

נאר וויסענדיג, אז דער קאמף איז ניט קיין לייכטער, ווייסען מיר דעריבער, אז מען דארף זיך צו איהם גוט צוגרייטען. און מיר ווייסען אויך, אז די דרעסמאכער וועלען ניט פארזאמען זיך אפצורופען אויף דעם קאמף־רוף, וואס וועט צו זיי ארויסגעגעבען ווערען. מיר ווייסען די ביטערע לאגע פון די דרעסמאכער און וויפיל זיי ליידען פון דעם איצטיגען הפקר־צושטאנד אין דעם דרעס־טרייד. און מיר ווייסען אויך, אז יעדער מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל וועט האלטען פאר זיין הייליגער פליכט צו העלפען די דרעסמאכער אין זייער קאמף.

פרעזידענט שלעזינגער האט אין זיין רעדע אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד וועגען דעם דרעסמאכער סטרייק זיך ספעציעל געווענדעט צו די קלאוקמאכער און האט אפעלירט צו זיי, אז זיי זאלען העלפען די דרעסמאכער אין זייער קאמף. ער האט פארלאנגט פון זיי, אז זיי זאלען דעם דרעסמאכער סטרייק באטראכטען ווי זייער אייגענעם קאמף, ווייל דער דרעסמאכער סטרייק איז א צווייטע קראפט־פראבע פון דער אינטערנעשאנאל צו קומען צו איהר אמאליגער גרויס און אמאליגען איינפלוס. און וועט דער קאמף זיין ערפאלגרייך, דאן וועלען ניט בלויז די דרעסמאכער דערפון פיל פראפיטירען, נאר אויך די קלאוקמאכער. פאר א גרויסער, שטארקער יוניאן האבען די מאנופעקטשורערס מעהר רעספעקט, מעהר אכטונג. און ווען די מאנופעקטשורערס ווייסען, אז הינטער די ארבייטער שטעהט א גרויסע, שטארקע יוניאן, באהאנדלען זיי די ארבייטער בעסער. דער פרעסטיזש פון די קלאוקמאכער וועט דעריבער וואקסען און גרעסער ווערען, ווען עס וועט וואקסען און גרעסער ווערען דער פרעסטיזש פון דער אינטערנעשאנאל. די קלאוקמאכער זיינען דעריבער אינטערעסירט צו העלפען געווינען דעם דרעסמאכער סטרייק ניט בלויז צוליב ארבייטער־סאלידאריטעט אליין, נאר אויך צוליב זייערע אייגענע טאג־טעגליכע אינטערעסען.

און זיינען דען די קלאוקמאכער, אויסער אלץ, גאנץ נאהענטע קרובים מיט די דרעסמאכער צוליב דער ארבייט גופא. די ביידע טריידס זיינען אין די לעצטע יאהרען געווארען אזוי נאהענט, אז א סך קלאוקמאכער כאפען זיך אריין אין די דרעס־שעפער צו פארדינען עטליכע דאלאר, ווען עס איז נישטא קיין ארבייט ביי קלאוקס.

מיר זיינען דעריבער זיכער, אז די דרעסמאכער וועלען אין זייער קאמף קריגען די פולע הילף פון די קלאוקמאכער און פון די אנדערע בראנטשען, וועלכע באלאנגען צו דער אינטערנעשאנאל. און ווען עס רעדט זיך וועגען הילף, איז עס ניט בלויז א פראגע פון געלט, נאר אויך פון דער אקטיווער אנפיהרונג פון קאמף—פון דער סטרייק־קאמיטע ביז צו דער פיקעט־ליין.

און ווייל מיר ווייסען ווי דרינגענד עס איז דער סטרייק פון די דרעסמאכער, און ווייל מיר ווייסען, אז דער דרעסמאכער סטרייק וועט האבען די פולע הילף פון אלע טריידס, וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער אינטערנעשאנאל, שרעקען אונז ניט די שוועריגקייטען, וואס מיר ערווארטען אין דעם קאמף, און מיר זיינען זיכער, אז ער וועט געקרוינט ווערען מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

ווי די לאגע איז איצט, איז דער דרעסמאכער סטרייק אומפארמיידליך. עס איז בלויז א פראגע, אין וועלכער וואך און אין וועלכען טאג ער וועט גערופען ווערען. און ווען דער רוף וועט קומען, וועט דער ענטפער זיין אזא הילכיגער, אז גאנץ ניו יארק וועט איהם הערען. אין דעם זיינען מיר זיכער, און מיר זיינען אויך זיכער, אז דער קאמף וועט אין א גאנץ קורצער צייט געוואונען ווערען.

די פיאנערען פון א צוואנציג־שטונדיגער ארבייטס־וואך

די רעזאלוציע וואס דער פרעסערס לאקאל 35 האט אריינגעבראכט אויף דער קאנווענשאן וועגען א צוואנציג־שטונדיגער ארבייטס־וואך פאר פרעסערס, וואס ארבייטען מיט פרעס־מאשינען, האט פארדינט א סך מעהר אויפמערקזאמקייט, ווי זי האט עס געקראגען.

אויב מיר מאכען קיין טעות ניט, איז עס דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע, אז א טרייד־יוניאן זאל ארויסשטעלען א פאדערונג פון א צוואנציג־שטונדיגער ארבייטס־וואך.

די קירצעסטע ארבייטס־וואך האבען, דאכט זיך, די אידישע שריפטזעצער, וועלכע ארבייטען אין צייטונגען ביינאכט. אבער אויך זייער ארבייטס־וואך איז 29 שטונדען.

עס איז אמת, אז די רעזאלוציע פון די פרעסערס אויף דער קליוולאנדער קאנווענשאן פאדערט ניט די באלדיגע דורכפיהרונג פון דער 20־שטונדיגער ארבייטס־וואך פאר מאשין־פרעסער, און עס האט זיך אויך אין דער רעזאלוציע ניט געהאנדעלט וועגען אינדארסירען א סטרייק פאר א 20־שטונדיגער ארבייטס־וואך פאר מאשין פרעסער, אבער די פראגע איז דאך געשטעלט געווארען אויף דער טאג־ארדנונג פון דער אינטערנעשאנאל, און דאס מיינט, אז די פרעסערס פאנגען זיך אן גרייטען צו פיהרען א קאמף פאר זייער פאדערונג.

די פרעס־מאשין האט נאך ניט פארכאפט די גאנצע קלאוק אינדוסטריע. זי איז פארלויפיג איינגעפיהרט געווארען בלויז אין די גרויסע שעפער און אויך ניט אין אלע. די קלאוק אינדוסטריע איז אין אלגעמיין אביסעל לאנגזאם מיט דער מעכאניזאציע פון ארבייט. דערצו האט די פרעסער יוניאן אנגעפיהרט א גאנצן ענערגישען קאמף געגען די פרעס־מאשינען אין דער קלאוק אינדוסטריע און דאס האט פיל מיטגעהאלפען, אז די פרעס־מאשינען זאלען אזוי גיך ניט אריינדרינגען אין די קלאוק־שעפער. אבער דער קאמף געגען דער איינפיהרונג פון מאשינען אין אן אינדוסטריע קען בלויז אפהאלטען אביסעל די שנעלע פארשפרייטונג פון דער מאשין, אבער אפשטעלען איהר פארשפרייטונג קען מען ניט. ביסלעכווייז מוז זי אריינדרינגען אין דער אינדוסטריע, פאר וועלכער זי איז געשאפען געווארען, אויב זי פארשפארט נאר ארבייט און ערפילט דעם צוועק, פאר וועלכען זי איז ערפונדען געווארען.

דער וועג אויף וועלכען די פרעסער האבען זיך געשטעלט איז דער ריכטיגער. עס איז ניט די מאשין געגען וועלכער זיי קעמפען, נאר פאר דעם ביסען ברויט פון די ארבייטער, וואס ווערט דורך דער מאשין אוועקגענומען.

דער איינציגער מיטעל היינט צו פארזיכערען די ארבייטער, אז זיי זאלען ניט בארויבט ווערען פון זייער ברויט דורך די מאשינען, איז פארקירצען וואס מער די ארבייטס־שטונדען. די פאדערונג איז איצט געווארען אן אלגעמיינע אין דער גאנצער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג. פרעזידענט גרין פון דער אמעריקען פעדערייטשאן אוו לייבאר האט זיך אויף דער פאדערונג גאנץ באזונדערס אפגעשטעלט אין זיין רעדע, וואס ער האט געהאלטען, אויף דער קאנווענשאן אין קליוולאנד. ער האט אין זיין רעדע אנגעמערקט, אז די פאדערונג פון א פיר־שטונדיגען ארבייטס־טאג איז א גאנץ מעגליכע אין דער נאהענטער צוקונפט. די רעזאלוציע פון די פרעסערס איז דעריבער אין איינקלאנג מיט פרעזידענט גרין'ס מיינונג וועגען דער סיטואציע, וואס די מאשין האט געשאפען אין דער אמעריקאנער אינדוסטריע.

און מאג עס נאך היינט אויסזעהן, אז א צוואנציג־שטונדיגע ארבייטס־וואך איז א פאנטאזיע. אבער מיר זיינען זיכער, אז עס וועט לאנג ניט דויערען און די צוואנציג שטונדיגע ארבייטס־וואך וועט זיין א ווירקליכקייט.

עס איז נאך גאר ניט לאנג צוריק, ווען א פערציג שטונדיגע ארבייטס־וואך איז געווען א פאנטאזיע. ווען די קלאוקמאכער האבען אין יאהר 1910 געפיהרט זייער גרויסען קאמף האט דאן קיינער אפילו ניט געוואגט צו טראכטען וועגען דער נאהענטער מעגליכקייט פון א פערציג־שטונדיגער ארבייטס וואך אין דער קלאוק־אינדוסטריע. די פאדערונג פון אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג פלעגט ארויסגעשטעלט ווערען בלויז אויף די סאציאליסטישע דעמאנסטראציעס פון ערשטען מאי.

די פרעסערס פון לאקאל 35 האבען דעריבער גאנץ גוט געטאן, וואס זיי האבען שוין איצט אוועקגעשטעלט די פאדערונג פון א צוואנציג שטונדיגער ארבייטס־וואך אויף דער טאג־ארדנונג. מיר זיינען זיכער, אז עס וועט לאנג ניט דויערען און די פאדערונג וועט ארויסגעשטעלט ווערען אין א סך אנדערע אינדוסטריעס, און ווען די צוואנציג־שטונדיגע ארבייטס־וואך וועט איינגעפיהרט ווערען וועלען די פרעסערס זיך קענען מיט שטאלץ בארימען, אז זיי זיינען געווען די פיאנערען, וואס האבען דעם קאמף פאר דער צוואנציג שטונדיגער ארבייטס־וואך אנגעפאנגען און די צוואנציגסטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אין קליוולאנד וועט שטעהן אויף דעם רעקארד אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, אז זי האט די פיאנערען־רעזאלוציע פאר א צוואנציג־שטונדיגער ארבייטס־וואך גוט געהייסען.

די פליכט אנטיילצונעמען אין רעפערענדום

מיר ווילען ווידער אמאל דערמאנען די מיטגלידער פון אונזער יוניאן, אז זיי זאלען האלטען פאר זייער פליכט צו קומען שטימען דעם רעפערענדום פאר פרעזידענט, סעקרעטער־טרעזשורער און גענעראל עקזעקוטיוו. מיר ווילען, אז די צאל שטימען, וואס וועלען אפגעגעבען ווערען ביי דעם רעפערענדום, זאל זיין אזוי גרויס ווי נאר מעגליך.

דער רעפערענדום איז א נייע איינפיהרונג אין דער אינטערנעשאנאל. די מיטגלידער האבען עס געפאדערט און די קאנווענשאן אין קליוולאנד האט זייער פאדערונג ערפילט. איצט דארפען די מיטגלידער ווייזען, אז זיי האבען מיט זייער פאדערונג געמיינט ערנסט, אז זיי וועלען זיך באנוצען מיט דער דעמאקראטישער רעפארם, וואס זיי האבען פארלאנגט.

יעדער מיטגליד פון דער יוניאן דארף האלטען פאר זיין פליכט צו קומען שטימען דעם רעפערענדום, ווארום אויב בלויז ווייניג מיטגלידער וועלען זיך באנוצען מיט דעם רעפערענדום, דאן וועט דער רעפערענדום זיין ניט בלויז א נוצלאזע רעפארמע, נאר עס קען זיך נאך אנטוויקלען אין א שעדליכער רעפארמע.

מיר דערמאנען דעריבער נאך אמאל און נאך אמאל, אז די מיטגלידער זאלען קומען דעם 7טען יאנואר שטימען דעם רעפערענדום.

די פליכט צו שטימען פאר'ן ספעציעלן שטייער

און ביי דער געלעגענהייט ווילען מיר נאך אמאל דערמאנען, אז עס איז די פליכט פון די מיטגלידער צו שטימען פאר דעם ספעציעלען שטייער אפצוצאהלען די חובות פון דער אינטערנעשאנאל.

די אינטערנעשאנאל האט ניט קיין אנדער אויסוועג און קיין אנדערע מיטלען צו באצאהלען די חובות, וואס די קאמוניסטישע באלעבאטישקייט אין דער יוניאן האט איר איבערגעלאזען. די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל זיינען די איינציגע, וואס מוזען די חובות באצאהלען און דער ספעציעלער שטייער איז דעריבער איינשטימיג באשלאסען געווארען אויף דער קאנווענשאן אין קליוולאנד. און מיר וואלטען ווינשען, אז פונקט ווי עס איז געווען ביי די דעלעגאטען אויף דער קאנווענשאן אן איינשטימיגע איינפארשטענדניס, אז א שטייער מוז ארויפגעלייגט ווערען צו באצאהלען די חובות, אזוי וועלען אויך אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל דעם שטייער גוט הייסען.

עס פרעהט אונז, וואס די אפשטימונגען, וועלכע זיינען שוין פארגעקומען אין מאנכע לאקאלס, זיינען געווען איינשטימיג פאר'ן שטייער. דאס באווייזט, אז די מיטגלידער פארשטעהען זעהר גוט די לאגע און ווייסען זייער פליכט.

מיר האפען דעריבער, אז אויך די מיטגלידער פון אלע אנדערע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל וועלען שטימען פאר דעם שטייער און דערמיט העלפען דער אינטערנעשאנאל וואס גיכער זיך באפרייען פון די חובות, וואס דריקען איהר און שטערען איהר אפט אנצוגעהן מיט איהר ארבייט.

פון וואך צו וואך

פון צביון.

ברודער ה. סלאבאצקין, פון לאקאל 2, פרעגט מיך אין א בריוועל צום רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט", אויב איך קען איהם ערקלערען אויף וואס מען דארף איצט אין דער קלאוקמאכער יוניאן די „קלאבס" און די „רינגען". מילא אמאל, טענה'ט ער, האט מען די „קלאבס" און די „רינגען" נויטיג געהאט צו קעמפען געגען די קאמוניסטען, וואס האבען געבאלעבאטעוועט איבער דער יוניאן. מען האט זיך ארגאניזירט אין פארשידענע גרופעס און אונטער פארשידענע נעמען, כדי אנצופירען א קאמף געגען שונא, די קאמוניסטען. אבער איצט, ווען מען האט שוין דעם שונא באזיגט, טא צו וואס דארף מען די „קלאבס" און די „רינגען"? און דענקט איהר ניט, אז די קלייזלאך, אויב זיי וועלען ווייטער עקזיסטירען, קענען ווערען גאנץ שעדליך פאר דער יוניאן?

נו, איך ווייס ניט, אויב איך האב א רעכט צו דענקען וועגען אזעלכע זאכען, ווייל אימיצער קען מיר אפשר זאגען „מיינד יור און ביזנעס", נאר אז מען פרעגט מיך דאך וואס איך דענק, קען איך בלויז ענטפערען, אז איך דענק גאר ניט גוט וועגען די „קלאבס" און די „רינגען" אין דער יוניאן. איך טראכט וועגען זיי ניט בעסער ווי וועגען די „קלאבס" אין ארבייטער רינג. איך גלויב, אז זיי זיינען שעדליך און דארפען אפגעשאפט ווערען. אבער איך ווייס, אז מען וועט מיך ניט פאלגען. איך האב פיינט זיך צו נארען.

נאר אויסריידען שאדט ניט, ווען מען ווייס אפילו, אז מען וועט ניט פאלגען. אמת, אימיצער קען פאריבעל האבען, אבער אימיצער קען זיך אויך פארטראכטען, אז עס טויג טאקע ניט און דאס אליין איז שוין פיעל ווערט.

* * *

הענרי פארד האט אונז אפגענארט. ער האט געלאזט וויסען ברייט און ווייט איבער גאנץ אמעריקע, אז ער האט באשלאסען צו העכערען די וויידזשעס פון זיינע ארבייטער, אבער אנשטאט צו העכערען וויידזשעס, האט ער נאר א דרייסיג טויזענט פון זיינע ארבייטער אינגאנצען ארויסגעווארפען אין גאס. ניטא איצט ביי איהם קיין ארבייט פאר זיי.

נו, ווען ביי הענרי פארד אין די פאבריקען איז איצט פאראן ווייניג ארבייט און טויזענדער ארבייטער מוזען ארויסגעווארפען ווערען פון זיינע פאבריקען אין גאס, קען ער זאגען, אז אין דעם איז ער ניט שולדיג. הענרי פארד קען זאגען, אז ער וואלט זיכער וועלען, אז אין זיינע פאבריקען זאל זיין ארבייט פאר וואס מעהר ארבייטער, און מען דארף איהם אין דעם גלויבען. ווארים וואס מעהר ארבייטער עס זיינען באשעפטיגט אין פארד'ס פאבריקען, אלץ מעהר פראפיטען מאכט ער. פארד האלט ניט קיין ארבייטער פון מציה וועגען. ער האלט זיי צו מאכען פראפיטען פון זיי און אויב ער זאגט אפ ארבייטער פון זיינע פאבריקען, איז עס זיכער צוליב דעם, ווייל ער האט קיין ארבייט ניט פאר און האט ניט די מעגליכקייט זיי צו עקספלאאטירען. עס איז אמת, אז הענרי פארד האט געדארפט פיהלען א פליכט צו זיינע ארבייטער אפילו אין דער צייט ווען ער האט ניט קיין ארבייט פאר זיי. האט דאך פארד זיין אונגעהויער גרויסען פארמעגען געמאכט פון זיינע ארבייטער, און עס איז ניט מעהר ווי גערעכט, אז ער זאל זארגען פאר זיי, אז זיי זאלען קענען ווי עס איז איבערקומען די צייט ביז עס וועט זיך ווידער געפינען ביי איהם ארבייט פאר זיי אדער ביז זיי וועלען קריגען ארבייט ערגעץ אנדערשוואו. אבער דאס וואלט שוין זיין צופיל פארלאנגט פון פארד'ען. פארד'ס גאנצע פילאזאפיע וועגען זיין גוט צו די ארבייטער באשטעהט אין דעם, אז מען זאל פון זיי ארויסקריגען וואס מעהר ארבייט און וואס מעהר פראפיטען. און אויב מען דארף די געבען העכערע וויידזשעס און א קירצערען ארבייטס־טאג איז עס בלויז צוליב דעם, אז מען זאל פון זיי קענען נאך אמאל פראפיטירען, אויסער די פראפיטען וואס מען קריגט פון זייער ארבייט. ווארום ווען די ארבייטער וועלען קריגען העכערע וויידזשעס און א קירצערען ארבייטס־טאג, וועלען זיי האבען די מעגליכקייט און אויך די צייט אויסצוגעבען זייער געלט און ממילא וועלען פאבריקאנטען און קרעמער האבען מעהר פרנסה. פארד'ס פילאזאפיע אבער געהט ניט אזוי ווייט, אז די ארבייטער דארפען קריגען וואס מעהר און דארפען אלעמאל זיין געזיכערט מיט זייערע לעבענס־באדערפנישען, ווייל זיי זיינען די שאפער פון די רייכטימער און פון די פראפיטען, וואס ער, פארד, האט אנגעזאמעלט. פארד קלערט ניט וועגען די רעכטען פון די ארבייטער, ער אנערקענט אפילו ניט זייער עלעמענטארע רעכט זיך צו ארגאניזירען אין א יוניאן. ער קלערט בלויז וואס עס איז דער בעסטער וועג און דער ווירקזאמסטער מיטעל ארויסצוקריגען פאר זיך וואס מעהר פון די ארבייטער, און וואלט הענרי פארד אויסגעפונען, אז דורך דעם, וואס זיינע ארבייטער וועלען זיין ארגאניזירט אין א יוניאן, וועט ער ארויסקריגען פון זיי מעהר פראפיטען פאר זיך, וואלט ער זיי ניט בלויז ערלויבט צו באלאנגען צו א יוניאן, נאר ער וואלט זיי געהייסען באלאנגען, און זיי וואלטען געמוזט באלאנגען. הענרי פארד אבער ווייס, אז פון א יוניאן פראפיטירען פריהער ווי אלץ די ארבייטער. הענרי פארד ווייס אויך, אז א יוניאן וואלט געקעמפט געגען דער הארצלאזער שקלאפען־טרייבעריי, וואס די ארבייטס־סיסטעם אין פארד'ס פאבריקען שטעלט מיט זיך פאר. איז דעריבער א יוניאן אין פארד'ס פאבריקען פארבאטען.

אבער וועגען דעם אלץ האב איך דא גאר ניט געוואלט ריידען. איך האב בלויז געוואלט פרעגען ווארום האט פארד אונז אפגענארט מיט אן ערקלערונג וועגען העכערען די וויידזשעס פון זיינע ארבייטער, ווען ער האט גאר אפגעזאגט דרייסיג טויזענט ארבייטער פון דער ארבייט.

* * *

און וואס הערט זיך מיט דער פראספעריטי, וואס פרעזידענט הואווער האט אונז פארשפראכען, אז ער וועט ניט דערלאזען, אז זי זאל אנטלויפען פון אמעריקע? עס זעהט עפעס אויס, אז זי פאלגט איהם ניט און זי אנטלויפט דאך. יעדען טאג קומען אן באריכטען פון פאבריקען און געשעפטס־אונטערנעמונגען, וואו מען זאגט אפ ארבייטער און די ארמעע פון ארבייטסלאזע האלט אין וואקסען. און וואס איז געווארען פון די קאנפערענצען, וואס פרעזידענט הואווער האט אפגעהאלטען מיט די פארשידענע פאבריקאנטען און אונטערנעמער? עפעס האבען זיי איהם דאך צוגעזאגט, אז זיי וועלען איהם העלפען האלטען די פראספעריטי, אז זי זאל ניט אנטלויפען, טא ווארום העלפען זיי ניט?

און ווען מען רעדט שוין וועגען דער אמעריקאנער פראספעריטי, איז עס אפשר אינטערעסאנט באקאנט צו ווערען מיט דעם פאקט, וואס איז די טעג פארעפענטליכט געווארען, אז אין די לעצטע פינף יאהר, ווען די אמעריקאנער פראספעריטי האט געהאלטען אין מיטען בליהען ביי אלע אמעריקאנער פאבריקאנטען און באנקירען, זיינען די וויידזשעס פון פרויען, וואס ארבייטען אין די אמעריקאנער קאטען מילס געפאלען אויף 13 פראצענט. די ציפער וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען, נעמען ארום 158 קאטען מילס, וועלכע געפינען זיך אין עלף שטאאטען און אין וועלכע עס זיינען באשעפטיגט נייך צעהנטעל פון אלע ארבייטער אין דער קאטען אינדוסטריע. די פארדינסטען פון די פרויען, וואס ארבייטען אין די קאטען מילס, זיינען אין יאהר 1928 געווען אין דורכשניט 15 דאלאר מיט 66 סענט א וואך. די העכסטע פארדינסטען זיינען געווען אין ניו העמפשיר — 20 דאלאר און 31 סענט א וואך און די נידעריגסטע זיינען געווען אין אלאבאמא — 11 דאלאר מיט 88 סענט א וואך.

ווי איהר זעהט, זיינען אפילו אין די יאהרען, וואס מען האט די פראספעריטי געהאלטען גאנץ פעסט אין אמעריקא, די גליקען פון די ארבייטער ניט געווען וואס מסגא צו זיין, היינט וואס וועט שוין זיין, ווען די פראספעריטי וועט אנטלויפען?

מען דארף טאקע דעריבער זעהן, אז זי זאל ניט אנטלויפען. מען דארף איהר ניט לאזען אנטלויפען. אבער ווי טוט מען עס?

* * *

אויב דער זעקס־שטונדיגער ארבייטס־טאג וועט ניט איינגעפיהרט ווערען אין די אמעריקאנער פאבריקען און אונטערנעמונגען אין די נעקסטע דריי יאהר צייט, דאן וועלען די גאסען פון די אמעריקאנער שטעדט זיין פול מיט ארבייטסלאזע, — אזוי האט ערקלערט פרעזידענט וואהיטני פון דער בראדערהוד אוו רעילראוד טרעינמען.

איך גלויב אז פרעזידענט וואהיטני איז אביסעל צו קאנסערוואטיוו. לויט דער איצטיגער שנעלער אנטוויקלונג פון מאשינען, וואס ווארפען ארויס אזוי פיל ארבייטער אין גאס, איז דער זעקס־שטונדיגער ארבייטס־טאג צו לאנג. און ווען מען רעדט שוין יע וועגען א קירצערען ארבייטס־טאג, וואס דארף אפשאפען ארבייטסלאזיגקייט, דאן איז עס דער פינף אדער דער פיער־שטונדיגער ארבייטס־טאג.

* * *

אויף דער קאנווענשאן פון דער מויערער און פלאסטערער יוניאן אין קאליפארניע איז די איינפיהרונג פון א פיער־טאגיגער ארבייטס־וואך געווען די הויפט פראגע וואס איז פארהאנדעלט געווארען. עס איז נעמליך אנגעוויזען געווארען, אז די פינף־טאגיגע ארבייטס־וואך, וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין מייסטע ערטער פון קאליפארניע, האט נאך אלץ ניט אפגעשאפט די ארבייטסלאזיגקייט אין טרייד און עס איז דעריבער נויטיג איינצופיהרען די פיער־טעגיגע ארבייטס־וואך.

איך בין פאלשטענדיג איינפארשטאנען.

* * *

דער דעפארטמענט אוו לייבאר אין וואשינגטאן דערציילט אונז, אז ער האט באקומען א באריכט פון ענגלאנד, אז די איצטיגע ענגלישע רעגירונג איז באשעפטיגט מיט אויסארבייטען א פארזיכערונגס־פלאן פאר ארבייטער, וואס זאל אין זיך אריינעמען אלץ, ווי קראנקען־פארזיכערונג, ארבייטסלאזען פארזיכערונג, עלטערס פענסיע א. אז. וו.

דאס איז ווירקליך אן אינטערעסאנטע שמיקעל נייעס. אבער וואלט ניט געווען א סברא, אז די אמעריקאנער רעגירונג זאל זיך אראפנעמען א ביישפיל פון דער ענגלישער רעגירונג? דאכט זיך פאר אונזער רייכער אמעריקא וואלט געווען א סך לייכטער דורכצופיהרען אזא פארזיכערונגס־פלאן פאר די ארבייטער.

אט האט די אמעריקאנער רעגירונג נאר אראפגעשניטען 160 מיליאן דאלאר פון דעם הכנסה שטייער וואס האט גאנץ גוט געקענט באנוצט ווערען פאר א פאנד איינצופיהרען ארבייטער־פארזיכערונג. אמת, פון דער איצטיגער פארקלענערונג פון דעם הכנסה שטייער וועלען געניסען ניט בלויז די גאר רייכע, נאר אויך די מיטעל־קלאס מענשען, אבער עס וואלט געווען מעהר תכלית און מעהר יושר, ווען די 160 מיליאן דאלאר וואלטען באניצט געווארען צו מאכען דאס לעבען פון די ארבייטער זיכערער, ווי דאס טוט די רעגירונג אין ענגלאנד.

אבער מען דארף ניט פארגעסען, אז אין ענגלאנד רעגירט איצט אן ארבייטער רעגירונג, בעת אין אמעריקא רעגירט איצט א קאפיטאליסטישע רעגירונג. און אויב די ארבייטער אין אמעריקא ווילען האבען א רעגירונג, וואס זאל פאר זיי זארגען, דאן זאלען זיי האבען שכל און נאכמאכען דעם ביישפיל פון די ענגלישע ארבייטער.

* * *

ניט אלץ ווערט געמאכט אין אמעריקא אזוי שנעל און ניט אלעמאל האלט זיך אמעריקא ביי איהר „הארי אפ". אט נעמט, למשל, די באוועגונג געגען קינדער־ארבייט.

עס איז איצט שוין געווארען 25 יאהר ווי עס האט זיך ארגאניזירט די קאמיטע צו באקעמפען קינדער־ארבייט אין אמעריקא, א קאמיטע, וואס האט געהאט פאר זיך די סימפאטיע און די מיטהילף פון אלע פראגרעסיווע און ליבעראלע מענשען אין אמעריקא, און דאך זיינען נאך פאראן שטאטען אין אמעריקא, וואו קינדער פון 14 יאהר מעגען, לויט'ן געזעץ, ארבייטען עלף שטונדען א טאג און אויך מעהר. און אפילו אין די שטאטען, וואו עס זיינען שוין איינגעפיהרט געווארען באשרענקונגס־געזעצען פאר קינדער־ארבייט, ווערען אט די געזעצען מייסטענס גאנץ ווייניג אפגעהיט. און א פעדעראלען געזעץ געגען קינדער־ארבייט האט זיך נאך ביז היינט ניט איינגעגעבען איינצופיהרען.

אמת, די באוועגונג געגען קינדער־ארבייט אין אמעריקא האט אין די 25 יאהר א רעכט ביסעל אויפגעטאן, אבער אמעריקא שטעהט נאך אין דעם פונקט פון באשרענקונג פון קינדער־ארבייט ווייט הינטערשטעליג אין פארגלייך מיט די אייראפעאישע לענדער.

ווי איהר זעהט איז אונזער שנעלע אמעריקא אין מאנכע זאכען גאר ניט אזוי שנעל.

אין דער עקזאמינערס יוניאן לאקאל 82

פון ל. ראזענבלאט, מענעדזשער.

מאנטאג, דעם 23טען דעצעמבער, איז אפגעהאלטען געווארען א גענעראל מעמבער מיטינג, ביי וועלכען די דעלעגאטען האבען באריכטעט פון דער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן. דער באריכט איז אויפגענומען געווארען מיט באגייסטערונג. עס איז אויך אויפגענומען געווארען די פראגע וועגען טעקס פאר דער אינטערנעשאנאל, און ער איז אנגענומען געווארען איינשטימיג. ביים מיטינג איז געמאכט געווארען נאמינייישאנס פאר גענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, און בר. נאגלער ווערט נאמינירט. עס איז אויך פארגעקומען לעצטע נאמינייישאנס פאר לאקאלע בעאמטע פאר דעם יאהר 1930. עס זיינען נאמינירט געווארען א גרויסע צאהל מעמבערס פאר די פארשידענע אפיסעס. אנגענומען האבען די פאלגענדע: טשערמאן פון לאקאל — מ. גרייפער, רעק. סעקר. — ל. יאסער.

עקזעקוטיוו באארד: ראזען דושיי, סאמסאן ז., באדינסקיין טשאלס, מילער ס., חיים פיליפ, ראש ס., סאלא מ., באסקאוויץ, סוניק דזשיי, ראזענבלאט ל., מאמעשעפסקי ה., סטבאק ד., בלום ס.

וואס אנבאלאנגט די פראגע וועגען סעקרעטאר מענעדזשער ווערט בר. ראזענבלאט, דער איצטיגער מענעדזשער, ווידער נאמינירט, אבער ער אנטזאגט זיך אנצונעהמען די נאמינייישאן. איינינע ברידער האבען פארלאנגט פון בר. ראזענבלאט'ן אן ערקלערונג, ווארום ער אנטזאגט זיך אנצונעהמען דעם אמט. אויף דעם ערקלערט בר. ראזענבלאט, אז אזא ערקלערונג וועט ער מאכען ביי א מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד. נאך בר. ראזענבלאט'ס ערקלערונג ווערט געמאכט פאלגענדער פארשלאג: אז מיר זאלען אנגעהן מיט די עלעקשאנס פאר אלע אנדערע לאקאלע בעאמטע, און די פראגע פון א מענעדזשער זאל איבערגעגעבען ווערען צו דער ניי־ערוויילטער עקזעקוטיוו באארד. דיזער פארשלאג ווערט אנגענומען.

עס ווערט דאן געשטעלט צו דעם טשערמאן די פאלגענדע פראגע: אויב די עקזעקוטיוו באארד וועט געפינען א פאסענדען פערזאן פאר דעם אמט, צי דאס וועט קומען צו א לאקאל מיטינג פאר גוטהייסונג. אויף דיזער פראגע ערקלעהרט דער טשערמאן, בר. גרייפער: ערשטענס וועט די עקזעקוטיוו זיך דורכריידען מיט בר. ראזענבלאט און פיליכט וועט זיי געלינגען איהם צו איבערצייגען, אז ער זאל אויף ווייטער אנגעהמען דעם אמט; און אויב ניט, וועט די עקזעקוטיוו באארד רעקאמענדירען צו א מעמבער מיטינג א צווייטע פערזאן פאר גוטהייסונג.

עס איז אויך ערוועהלט געווארען אן אבדזשעקשאן און עלעקשאן קאמיטע, און די פאלגענדע זיינען אין דער קאמיטע: ב. קאהן, מיס פעני סינגל און וואלף גאלדבערג. די אבדזשעקשאן און עלעקשאן קאמיטע וועט מיטען מאנטאג, דעם 30טען דעצעמבער, 6 אזייגער אווענט, אין אונזער אפיס אין דזשאינט באארד בילדינג, 130 איסט 25טע סטריט, אויף דעם זעקסטען פלאר.

אלע די יעניגע, וואס זיינען נאמינירט געווארען ביי די ערשטע נאמינייישאנס און זיינען נישט געווען ביי דעם מיטינג, קענען ערשייענען פאר דער קאמיטע און ענטפערען, אויב זיי נעהמען אן די ניקס.

די ארבייטער רעגירונג און די פרעמדען־פראגע אין ענגלאנד

(א בריף פון לאנדאן)

פון וויליאם צוקערמאן.

1.

יעדעס לאנד האט זיך איין פראגע, וועלכע איז איהר ספעציעלער וועהטאג און שאנד, וועלכע מען זוכט צו באהאלטען, נאר וועלכע קומט אבער דאך יעדעס מאל ארויס פון דער באהעלטעניש און פאדערט אן ערלייזונג. אין ענגלאנד איז אזא מין צרה די אזוי־גערופענע „עליען״־פראגע — די פרעמדען־פראגע. די געזעצען, וועלכע רעגולירען די אויסלענדער דא, זיינען אפשר די איינציגע אין דיזען דעמאקראטישען לאנד, וועלכע מאכען אן אונטערשיד צווישען מענש און מענש און שטעלען ארויף די פרייע ענגלאנד אויף איין מדרגה מיט דער צאריסטישער רוסלאנד.

און דיזע פראגע איז עס איצט דא אוועקגעשטעלט געווארען אויפ'ן טאגעס־ארדנונג פאר דער נייער ארבייטער רעגירונג צו ערלייזען. וואס איז אפשר נאך אינטערעסאנטער פאר אונז איז דאס, וואס אוועקגעשטעלט די דאזיגע פראגע האבען די ענגלישע אידען און פאראינטערעסירט אין איהר זיינען הויפטזעכליך די אידישע ארבייטער אין ענגלאנד.

אין אלגעמיין גענומען איז די „עליען״־פראגע אין ענגלאנד פון דעם זעלבען כאראקטער ווי די אימיגראציע־פראגע אין אמעריקע. ניט מעהר, וואס דא איז די פראגע אוועקגעשטעלט געווארען פיל שארפער און די באשרענקונגען קעגען די אויסלענדער זיינען פיל שטארקער ווי אין אמעריקע. אין די פאראייניגטע שטאטען איז אימיגראציע איצט שטארק באשרענקט. דא איז עס אינגאנצען אפגעשטעלט: עס איז דא ניט קיין פראגע פון קיין קוואטא. מען לאזט דא קיין אויסלענדער אין אלגעמיין ניט אריין אין לאנד.

דאס איז אבער נאך ניט די גאנצע צרה. נאך אלעמען, קען מען ניט איבעריג באשולדיגען א לאנד, ווי ענגלאנד, ווען עס פארמאכט די טויערען פאר אויסלענדער אין א צייט, ווען מיליאנען פון איהרע אייגענע בירגער געהען ארום אהן ארבייט און קענען קיין לעבען ניט מאכען. דער פאקט, אז דיזע באשרענקונגען רופען זיך שלעכט אפ אויף אונז, דארף אבער ניט פארטונקלען דעם אמת, אז פון איהר שטאנדפונקט האט ענגלאנד א פולע רעכט צו מאכען די באשרענקונגען. דאס לאנד האט שוין צופיל מענשען איצט. צו וואס אריינלאזען נאך נייע? צו שטארבען פון הונגער און אויסגעהן אין גאס פאר א שטיקעל ברויט?

די אמת'ע פראבלעם אין ענגלאנד איז דארום ניט אין דער אפגעשטעלטער אימיגראציע פון נייע אויסלענדער, נאר אין דער באהאנדלונג פון די אלטע אויסלענדער, וועלכע געפינען זיך שוין דא פון לאנג. די לאגע פון די דאזיגע מענשען אין ענגלאנד איז זעהר אן אונזיכערע און שווערע. ווערען אן ענגלישער בירגער איז זעהר שווער. מען מוז דא זיין גאנצע פופצעהן יאהר און ערשט נאך דעם דארף מען דורכגעהן א שווערען עקזאמען, וועלכען בלויז געצעהלטע אויסלענדער קענען אויסהאלטען. די געהיים־פאליציי אונטערזוכט יעדען שריט פון דעם אויסלענדער פאר דער גאנצער צייט, וואס ער איז געווען אין ענגלאנד און טאמער, חלילה, געפעלט די דעטעקטיווס ניט דאס, וואס דער אויסלענדער איז אמאל אנוועזענד געווען ביי א ניט־פאטריאטישען מיטינג, קען מען איהם אפזאגען זיין בירגער־רעכט. עס זיינען דא באוואוסטע הונדערטער פאלען פון אפזאגען מענשען בירגער־פאפירען בלויז דערפאר, ווייל דעטעקטיווס האבען געזאגט, אז זיי האבען זיי געזעהן ביי א סאציאליסטישען מיטינג.

און ווען א מענש איז דא ניט קיין בירגער, איז ער נאר אין אן אנדער קלאס ווי די איבעריגע באפעלקערונג. ערשטענס, מוזען דא אלע אויסלענדער זיין רעגיסטרירט ביי דער פאליציי. די ספעציעלע פאספארט־סיסטעם פאר אויסלענדער, וועלכע די אמעריקאנער אימיגראנטען־פרעסע ווילען איצט איינפיהרען אין אמעריקע, עקזיסטירט שוין דא אין פולער קראפט. יעדע באוועגונג פון אן אויסלענדער מוז דא זיין באוואוסט צו דער פאליציי, פון איבערקלייבען זיך אין א נייער קווארטיר ביז זיין פארלאזען דאס לאנד. און ביים קלענסטען חטא, וועלכען דער אויסלענדער באגעהט פון דעם שטאנדפונקט פון דער פאליציי, קען מען איהם נאר אהן שום טענות ארויסשיקען פון לאנד.

אין די לעצטע פינף יאהר, ווען עס האט געהערשט אין ענגלאנד די קאנסערוואטיווע רעגירונג, האט מען דא אויף אזא אופן אויסגעוויזען פון לאנד הונדערטער אויסלענדער; פילע פון זיי האבען דא שוין געהאט אפגעלעבט צענדליגער יאהרען, זיינען דא געווען עטאבלירט, האבען דא געהאט קינדער און אין יעדער הינזיכט געווען ענגלענדער. זיי האבען בלויז ניט געהאט קיין סיטיזען־פאפירען, און דער פאליציי איז ניט געפעלען געווארען עטוואס וואס זיי האבען געטאן, אדער געזאגט קעגען דער רעגירונג. האט מען זיי אוועקגעזעצט אויף א שיף און אויסגעוויזען פון לאנד. אזעלכע אויסווייזונגען קומען פאר אהן אויפהער אפילו נאך איצט.

ביי דיזע אויסווייזונגען קומען אפט פאר הארץ־רייסענדע סצענען, אין פארגלייך מיט וועלכע עליס־איילאנד אפילו ווערט בלייך. עלטערען ווערען אפט פון קינדער, קינדער פון עלטערען, מענשען דארפען אין עטליכע וואכען אויספארקויפען געשעפטען, וועלכע עס האט זיי גענומען א גאנץ לעבען אויפצובויען. גוט איינגעפונדעווטע היימען ווערען רואינירט און לעבענס ווערען צובראכען.

אין ענגלאנד קריטיקירט מען אפט די ברוטאליטעטען פון עליס־איילאנד. דער אמת איז, אז אין דער דאזיגער הינזיכט האט ענגלאנד זעהר ווייניג וואס זיך איבערצונעהמען קעגען אמעריקע. פאר'ן ענגלישען „סקאטלאנד יארד״ צוברעכען אן אויסלענדער'ס היים און פאמיליע, איבערלאזען קינדער, וועלכע זיינען געבוירען געווארען אין ענגלאנד, און ארויסשיקען עלטערען, וואס זיינען דא אפגעזעסען 25 און 30 יאהר, איז ניט קיין גרויסע זעלטענהייט. אין אמעריקא געפינט זיך עליס־איילאנד בלויז ביים אריינקומען אין לאנד. טרעט דער עמיגראנט נאר אריבער דעם שוועל פון אמעריקע, קען ער שוין פארגעסען זיינע צרות און ער ווערט א מענש גלייך מיט אלע. דא אבער שפרייט זיך דער עליס־איילאנד אויס איבער'ן גאנצען לאנד און איבער'ן גאנצען לעבען פון עמיגראנט. ער בלייבט אייביג אן אויסלענדער און אפילו נאך 50 יאהר לעבען דא קען „סקאטלאנד יארד״ (די ענגלישע געהיים פאליציי) מיט דעם „האום אפיס״ איהם א נעהם טאן ביים קאלנער און הייסען געהן.

די „עליען״־געזעצען הענגען דא דארום איבער דער איינגעוואנדערטער באפעלקערונג ווי א וואלקען. אמת, דאס איז ניט אזא זאך, וועלכע לאזט זיך פיהלען אין טאג־טעגליכען לעבען. טויזענטער עמיגראנטען לעבען דא אפ זייערע לעבענס און פיהלען קיינמאל ניט דעם אונטערשיד צווישען זייער באשטאנד און דעם באשטאנד פון דעם ענגלישען בירגער. עס זיינען אבער פאראן אויך טויזענטער, וועלכע לעבען אין שטענדיגער שרעק, אז מען וועט זיי ארויסשיקען. דער עמיגראנט איז דא קיינמאל ניט זיכער מיט זיין היים. עס קענען אוועקגעהן יאהרען און מען פארגעסט אן איהם. נאר פלוצים, זאל ער מאכען א פאלשען שריט, און עס זאל נעהמען א סוף צו זיין מיה און מאטער פון א לעבען און צו זיין היים. ער איז אין אייביגער געפאהר.

די דאזיגע געפאהר דערגרייכט צו א סכנה, ווען דער אויסלענדער פאלט פאר וואס עס איז אריין צו דער פאליציי. זאל ער באגעהן וועלכען עס איז פאליציאישען פארברעכען, אדער זאל מען איהם בלויז באשטראפען דערפאר, וועט איהם דער ריכטער שוין אפלעזען א לאנגע לעקציע וועגען זיין פאזיציע אלס אויסלענדער (אפילו ווען דער דאזיגער „אויסלענדער״ איז שוין 25 יאהר אין לאנד) און וועט איהם פאר'משפט'ן צו פארלאזען דאס לאנד (נאך דעם ווי ער וועט פריהער באצאהלען די געוועהנליכע שטראף).

פראטעסטירען, פאדערען רעכט, פארטיידיגען זיך איז ניטא וואו. דער אויסלענדער איז דא ניט אין דער זעלבער קאטעגאריע ווי דער איינגעבוירענער און ער האט ניט די זעלבע רעכט. דאס איינציגע, וואס מען קען יא טאן אין אזא פאל, איז געהן בעטען רחמים ביים „האום אפיס״ (אינערן מיניסטעריום), אדער, אויב מען האט פראטעקציע, ביים מיניסטער זעלבסט. ביי איהם אין האנט ליגט די גאנצע מאכט. וויל ער—קען ער דעם אויסלענדער מוחל זיין. וויל ער ניט, מוז דער מענש פארלאזען ענגלאנד. קיין געזעץ, וואס זאל פארטיידיגען דעם פרעמדען, קיין געריכט, צו וועלכען ער זאל קענען פרעזענטירען זיינע טענות, איז ניטא. די עקזיסטענץ פון צענדליגער טויזענטער מענשען ליגט אין האנט פון איין מענשען, פון א געוועהנליכען פאליטישען טשינאווניק.

2.

די אידישע באפעלקערונג אין ענגלאנד איז אממערסטענס פאראינטערעסירט אין דער „עליען״־פראגע. אפשר א העלפט פון דער אידישער באפעלקערונג אין ענגלאנד, ספעציעל דער ארימערער טייל און די ארבייטער, באשטעהט פון אויסלענדער, און די דאזיגע פראגע איז דארום איינע פון די וויכטיגסטע, אויב ניט טאקע די סאמע וויכטיגסטע פאר די אידישע מאסען דא.

דער דאזיגער פאקט איז אין זיך עלבסט כאראקטעריסטיש פאר דער „עליען״־פראגע. די ווייט גרעסטע צאהל אידען אין ענגלאנד זיינען שוין דא העכער 25 יאהר. פון דער מלחמה אן לאזט מען שוין אין אלגעמיין ניט אריין קיין עמיגראנטען קיין ענגלאנד און די גרעסטע צאהל אידען זיינען געקומען קיין ענגלאנד א סך פריהער פון דער מלחמה. און דאך זיינען די גרעסטע צאהל נאך אויסלענדער. מען טרעפט דא אידען, וועלכע האבען דא אפגעלעבט זייערע גאנצע יאהרען, האבען אויפגעקליבען פארמעגענס, האבען אויפגעהאדעוועט קינדער, וועלכע פארנעהמען די גרעסטע פאזיציעס אין עפענטליכען לעבען, און זיי זיינען נאך אלץ „אויסלענדער״. איהר טרעפט דא אפט גרויסע אידישע כלל־טוער, מענשען מיט נעמען אין ענגלאנד און אויסער ענגלאנד; מענשען, וועלכע זיינען פארבונדען מיט'ן ענגלישען געזעלשאפטליכען לעבען פאר צענדליגער יאהרען, און זיי זיינען „אויסלענדער״. אין אמעריקע און אין קיין אנדער לאנד אפילו אין אייראפא וואלט דאס ניט מעגליך געווען.

זייענדיג פאררעכענט פאר אויסלענדער, האבען אידען אין ענגלאנד מערסטענס געליטען פון די „עליען״־געזעצען און מעהר פאר אנדערע געקעמפט קעגען זיי. פון די דאזיגע געזעצען ליידען טאקע אויך ניט־אידען, נאר אזוי ווי אידען זיינען די איינציגע ארגאניזירטע גרופע פון אויסלענדער אין ענגלאנד, האבען זיי שטענדיג אנגעפיהרט דעם קאמף. די הויפט־טעטיגקייט פון די „באארד אוו דזשואיש דעפיוטיס״ (אן ארגאניזאציע פון ענגלישע אידען עהנליך צו דער אמעריקען דזשואיש קאמיטע) איז אין די לעצטע 25 יאהר באשטאנען אין העלפען אידען, וועלכע ליידען פון דיזע געזעצען, און אין פארזוכען זיי צו ענדערען. יעדעס מאל, ווען א נייע רעגירונג קומט אריין אין מאכט, שיקט די „באארד״ א דעלעגאציע צו דעם נייעם אינערן־מיניסטער מיט געוויסע פארשלאגען וועגען דיזע געזעצען. עס איז שוין כמעט ווי א טראדיציע אזא ביי ענגלישע אידען.

דעם מאל האט די „באארד״ אויך ניט געמאכט קיין אויסנאהמע און א אידישע דעלעגאציע האט זיך געזעהן מיט דעם נייעם מיניסטער מר. קליינס. דעם מאל איז אבער דער באזוך ניט געווען סתם א געוואוינהייט אדער אזוי זיך אן אפיציעלע פונקציע. דעם מאל ערווארט מען טאקע געוויסע רעזולטאטען אויך. ווייל דעם מאל איז ביי דער מאכט אין ענגלאנד א סאציאליסטישע רעגירונג. מר. קליינס, דער מיניסטער, איז ניט נאר א סאציאליסט אין נאמען, נאר טאקע זעהר אן אנשטענדיגער און פראגרעסיווער מענש. מיט איהם דארף מען ניט איבעריג רעדען צו באווייזען, אז די „עליען״־געזעצען זיינען רעאקציאנערע און אפגעשטאנענע און זיינען א שאנדע פאר ענגלאנד. פון איהם און פון זיין רעגירונג ערווארט מען דארום מיט רעכט א ליבעראלע שטעלונג צו דיזער פראגע. דאס איז אייגענטליך די איינציגע גרויסע האפנונג, וועלכע די ענגליש־אידישע באפעלקערונג אלס אזוינע לייגט אויף דער נייער ארבייטער רעגירונג. דאס איז געווען איינע פון די אורזאכען, ווארום צענדליגער טויזענטער אידען האבען געשטימט פאר דיזער רעגירונג, און נאך מעהרערע טויזענטער סימפאטיזירען מיט איהר.

קיין רעוואלוציעס פאדערט די אידישע דעלעגאציע נישט. איהרע פאדערונגען זיינען גאנץ באשיידענע. זיי פאדערען ניט אפילו צו עפענען די טירען פאר עמיגראנטען; אפילו ניט גרינגער צו מאכען דאס אריינקומען קיין ענגלאנד. זיי פארלאנגען אבער יא, אז די אלטע ענגלישע טראדיציע פון געבען שוץ צו פאליטישע און רעליגיעזע פארפאלגטע זאל צוריק איינגעפיהרט ווערען. ענגלאנד איז אמאל באריהמט געווען איבער דער גאנצער וועלט אלס דער עיר־המקלט פאר פארפאלגטע פון טיראני. אין דער צייט פון דער מלחמה איז דיזע שעהנע ענגלישע טראדיציע אפגעשאפט געווארען און פון דאן אן איז פאר א פאליטיש אדער רעליגיעז פארפאלגטען מענשען שווערער געווארען אריינצוקומען קיין ענגלאנד ווי אין מערסטע אנדערע לענדער פון אייראפא. די אידען פארלאנגען איצט בלויז אז דיזע רעאקציאנערע איינפיהרונגען פון דער מלחמה זאלען אפגעשאפט ווערען און דאס ענגלאנד זאל ווידער ווערען די ליבעראלע ענגלאנד וואס זי איז געווען.

אויסער דעם פאדערט די אידישע דעלעגאציע אויך די אפשאפונג פון איינ־יגע פון די ערגסטע שטריכען פון דער רעגיסטראציע־סיסטעם (זיי פארלאנגען אפילו ניט די אפשאפונג פון דער גאנצער סיסטעם). אזוי, צום ביישפיל, פאדערען זיי, אז יונגע מענשען אונטער 21 יאהר זאלען זיך ניט דארפען רעגיסטרירען ביי דער פאליציי אלס אויסלענדער. איצט מוז אפילו יעדעס קינד, וואס איז ניט געבוירען געווארען אין ענגלאנד, ווי נאר ער ווערט אלט 16 יאהר, קומען זיך רעגיסטרירען אין דער פאליציי. די אידישע דעלעגאציע טענה'ט אז דאס איז א שטיק בארבאריזם: שלעפען קינדער אין דער פאליציי אזוי ווי זיי וואלטען געווען פארברעכער און זיי שטעמפלען אלס אויסלענדער, ווען זיי זיינען אויפגעהאדעוועט געווארען אין ענגלאנד און זיינען דורך און דורך דורכגענומען מיט דעם גייסט פון ענגלאנד, איז פשוט אן אידיאטסטווא.

די דעלעגאציע פאדערט אויך, אז עס זאל אפגעשאפט ווערען די איצטיגע סיסטעם, לויט וועלכער דער אויסלענדער, ווען מען באשליסט ארויסצושיקען, האט נאר קיין שום מעגליכקייט ניט צו אפעלירען פאר גערעכטיגקייט און פרעזענטירען זיינע טענות. ער איז אינגאנצען אין די הענט פון א טשינאווניק, וועלכער קען מיט איהם טאן וואס ער וויל. די אידען פארלאנגען, אז עס זאל איינגעפיהרט ווערען א ספעציעלער געריכט פאר אזעלכע פאלען, און איידער א מענש ווערט אויסגעוויזען פון לאנד, זאל ער האבען א מעגליכקייט זיך צו פארטיידיגען און ער זאל ניט באשטראפט ווערען אהן א פראצעס.

צולעצט פאדערט די דעלעגאציע פארגרינגערונגען אין ווערען בירגער: מען זאל ניט דארפען אזוי פיל יאהרען און עס זאלען ניט געמאכט ווערען אזוי פיל שוועריגקייטען איידער מען ווערט צוגעלאזען צו בירגערשאפט.

ווי עס איז צו זעהן, זיינען דאס אלץ אזעלכע פאדערונגען, וועלכע ניט נאר א סאציאליסטישע, נאר א פשוט אנשטענדיגע ליבעראלע רעגירונג וואלט געדארפט נאכגעבען. און געדארפט וואלט זי עס נאכגעבען ניט אזוי צוליב די אויסלענדער ווי צוליב זיך אליין, כדי ריינצוואשען א מיאוס'ן פלעק אויפ'ן ריינעם נאמען פון א פארטגעשריטענעם און ציוויליזירטען לאנד. מען ערווארט דא דארום, אז מר. קליינס ענטפער צו דער אידישער דעלעגאציע, וועלכער דארף אינגיכען אנאנסירט ווערען, וועט זיין א באפרידיגענדער און אז די ארבייטער רעגירונג וועט ניט אנטוישען די האפנונגען, וועלכע די גאנצע אידישע און אויסלענדישע באפעלקערונג פון ענגלאנד האט אויף איהר געלייגט.

אינטערנאציאנאלע ארבייטער נייעס

פון פ. ד.

דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל געגען פאשיזם אין עסטרייך און פוילען.

דעם 23טען נאוועמבער איז זיך צוזאמענגעקומען אין בריסעל דער ביורא פון'ם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל אונטער דעם פארזיץ פון וואנדערוועלדע. אין דער זיצונג האבען אנטייל גענומען אבראמאוויטש (רוסלאנד), אנדערסאן (דענעמארק), בראקע (פראנקרייך), גיליס (ענגלאנד), גרים (שווייץ), פליגן (האלאנד), וועלס (דייטשלאנד), דער סעקרעטער פון אינטערנאציאנאל, אדלער, און דער קאסירער וואן ראסברעק. ווייטער — אויף א ספעציעלער איינלאדונג פון'ם ביורא — אויך בלום (פראנקרייך) און דע ברוקער (בעלגיע).

דער ביורא האט פארהאנדעלט אלס ערשטען פונקט: די פאליטישע סיטואציע. א ברייטען ארט אין באריכט האט פארנומען די לאגע אין עסטרייך, וועגען וועלכער ס'האט רעפערירט פרידריך אדלער.

ס'איז אויך באהאנדעלט געווארען די לאגע פון פוילען, אויף א גרויסער פאלקס פארזאמלונג, אין וועלכער עס האט אנטייל גענומען די גאנצע ברוסעלער ארבייטערשאפט, איז אנגענומען געווארען די רעזאלוציע פון'ם ביורא, וואס דריקט אויס די שטעלונג פון'ם אינטערנאציאנאל.

אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט:

אומעטום, וואו די סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי האט פארפעסטיגט איהר פאזיציע, פרואווען זיך בירגערליכע גרופען, וואס ארבייטען אונטער דער פאן פון נאציאנאליזם און מאנארכיזם, ארויסצורופען א בירגער־קריג.

אין פוילען וויל א מינדערהייט־רעגירונג בייסען די קאנסטיטוציע געגען דעם ווילען פון פארלאמענט מיט דער הילף פון דער ארמיי.

אין עסטרייך האט די רעגירונג, שטעהענדיג אונטער דער השפעה פון דער פאשיסטישער היימווער, אריינגעטראגען אין פארלאמענט א קאנסטיטוציע־פראיעקט, וואס וויל צוברעכען די אויטאנאמיע פון ווין און געבען דעם פרעזידענט דיקטאטארישע פילמאכט.

דער אינטערנאציאנאל פאדערט, אז אלע באוואפענטע פארמאציעס אין עסטרייך זאלען אויפגעלייזט ווערען. דער אינטערנאציאנאל שיקט זיינע ברידערליכע גרוסען צו דער רייכסקאנפערענץ פון דער עסטרייכישער סאציאל־דעמאקראטיע. זי שיקט אויך צו גלייכער צייט גרוסען צו דער סאציאליסטישער פארטיי פון פוילען, וועלכע איז איינציגע שטיצע פאר די בירגערליכע פרייהייטען אין פוילען.

גלייכצייטיג באגריסט דער אינטערנאציאנאל מיט גרויס פרייד די צוזאמענארבייט פון די סאציאליסטישע כוחות פון אלע נאציעס אין פוילען.

דער אינטערנאציאנאל פאדערט פון אלע ארבייטער, צו ברענגען הילף אלע יענע, וואס שטעהען בראש פון'ם קאמף פאר פאליטישע פרייהייטען און פארווירקליכען פאלשטענדיג דעם איינהייטס־פראנט פון דער סאציאל־דעמאקראטיע.

וואנדערוועלדע געגען פילסודסקי־רעזשים אין פוילען.

אין דעם דעצעמבער נומער פון לאנדאנער „לייבאר מענעזין״ האט עמיל וואנדערוועלדע, דער פרעזידענט פון סאציאליסטישען ארבייטער אינטערנאציאנאל, פארעפענטליכט א שארפען ארטיקעל איבער דעם דיקטאטארישען פילסודסקי רעזשים אין פוילען.

דער סאציאליסטישער ארגאן „ראבאטניק״ אין ווארשע איז קאנפיסקירט געווארען צוליב אט דעם ארטיקעל פון וואנדערוועלדע. די פוילישע צענזור באגרינדעט איהר קאנפיסקאציע דערמיט, וואס זי זעהט אין דעם ארטיקעל „דער אינטערנאציאנאל און די סאציאליסטען פון פוילען״ אן אריינמישען זיך פון אינטערנאציאנאל אין די אינערליכע ענינים פון פוילען.

אין דעם ארטיקעל שטעלט וואנדערוועלדע פעסט, אז דער אינטערנאציאנאל פארפאלגט נישט בלויז מיט דעם גרעסטען אינטערעס די געשעהעניסען אין עסטרייך, נאר אויך אין פוילען. בעת אין עסטרייך קעמפט די סאציאל־דעמאקראטיע געגען א קלעריקאל־בירגערליכער קאאליציע, וואס שטעלט זיך איצט אפ אויף דער פלאטפארמע פון'ם פאשיזם און קען נישט דערגרייכען איהרע צילען אויפ'ן פארלאמענטארישען אופן, איז די סיטואציע אין פוילען א גאנץ אנדערע. די סאציאל־דעמאקראטען אין פוילען האבען עס צו טאן מיט א מינדערהייטס־רעגירונג. די מאכט ליגט אין די הענט פון א „נאציאנאלהעלד״, וועלכער איז געשטאנען אמאל אין די רייען פון די לינקע.

אין די אינטערנאציאנאלע פארזאמלונגען, וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען אין חודש יולי און ביי וועלכע עס זיינען ארויסגעטראטען קריספיען, לעבע און קראמפ, האט מען געגעבען אנצוהערען דער פוילישער רעגירונג, אז די איינפיהרונג פון א דיקטאטארישען רעזשים איז נישט אן ענין, וואס פאראינטערעסירט נאר פוילען, נאר עס ריהרט אן גאנץ אייראפא.

ווער עס קען פילסודסקי'ן, גלויבט נישט, אז ער וועט וואגען זיך אריינצולאזען אין נייע אוואנטורעס, אבער מעגליך איז עס אלעספאלס, די פוילישע חברים באטראכטען די לאגע זייער ערנסט און זיינען היינט גרייט צו אלעמען, אבי צו ראטעווען די דעמאקראטיע און דעם פארלאמענטאריזם. מען מוז אויך אנמערקען דעם היסטארישען פאקט, וואס פ. פ. ס. און „בונד״ האבען געפונען א געמיינזאמע פלאטפארמע געגען דער פארטיי פון שווערד און טראר.

שוין קארל מארקס האט געזאגט, אז א דעמאקראטיש פוילען איז א נויטווענדיגקייט פאר א דעמאקראטיש דייטשלאנד. אויב א דעמאקראטיש פוילען גיט די בעסטע גאראנטיע פאר שלום אין אייראפא, ווער וועט לייקענען, אז א פאשיסטיש פוילען איז אן ערנסטע סכנה פאר גאנץ אייראפא? אט צוליב וואס דער קריזיס אין פוילען פאראינטערעסירט אזוי שטארק דעם אינטערנאציאנאל.

הענדערסאן האט אין ענגלישען פארלאמענט גערעדט מוטיגע און אפענע ווערטער וועגען עסטרייך. אבער נישט ענגלאנד אליין איז מחויב צו ווארנען די דיקטאטארען, נאר אויך די אנדערע מלוכות, אויך וועגען פוילען דארף א גרויסע מאכט זאגען איהר ווארט. עס איז מעגליך, אז זי האט עס שוין געטאן. אבער צום באדויערען איילען זיך נישט געוויסע מיטגלידער פון דער פראנצויזישער רעגירונג צו רעדען אפענע דבורים וועגען דער דעמאקראטיע אין פוילען.

דער ביורא פון אינטערנאציאנאל איז זיך צענויפגעקומען דעם 23טען און 24טען נאוועמבער. ביי אט דער געלעגענהייט זיינען פארגעקומען עפענטליכע מאניפעסטאציעס, ביי וועלכע מען האט גערעדט נישט נאר וועגען עסטרייך, נאר וועגען פוילען אויך.

דרייסיג יאהר סאציאליסטישע פרעסע אין בוקאווינע.

דער טשערנאוויצער „פארווערטס״, דער ארגאן פון די דייטשע סאציאליסטען אין טשערנאוויץ, האט ניט לאנג צוריק געפייערט דעם יובל פון זיין 30טען יאהר עקזיסטענץ. דער „פארווערטס״ איז די געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג אין טשערנאוויץ.

לכבוד דעם יובל איז דער „פארווערטס״ ארויס מיט א רייכען יובל־נומער. אלע ארבייטער פארטייען פון אייראפא און אלע פראמינענטע פיהרער פון דער סאציאל־דעמאקראטיע האבען איבערגעשיקט ברודערליכע גרוסען.

די לאקאל ארגאניזאציע פון טשערנאוויץ האט איינגעארדענט לכבוד דעם יובל א פעסט־אקאדעמיע אין גרויסען זאל פון טשערנאוויצער ארבייטער־היים.

טשערנאוויטש באלאנגט זינט נאך דער וועלט־מלחמה צו רומעניען.

„דעילי העראלד״ ווערט א פריוואטע אקציען־געזעלשאפט.

דער „דיילי העראלד״, די גרויסע טעגליכע צייטונג פון די ענגלישע געווערקשאפטען, וועט ווערען שוין אין א קורצער צייט א פריוואטע אקציען־געזעלשאפט. דער ענגלישער געווערקשאפטס־בונד, דער איצטיגער באזיצער פון דער צייטונג איז איינגעגאנגען אויף א שותפות מיט דער גרעסטער צייטונגס־פירמע „אדוואנספרעס״. אין דער לייטונג וועלען זיצען פארטרעטער פון ביידע צדדים.

אין דעם אפמאך, וואס איז אפגעשלאסען געווארען, ווערט באשטימט, אז פאר אלע צייטען ווערט גאראנטירט די פאליטישע און ווירטשאפטליכע השפעה פון די געווערקשאפטען.

אויך אויפ'ן געביט פון פארטיי פרעסע באווייזט זיך דער פראקטישער זין פון די ענגלענדער. נישט אנגעהערענדיג די פאליטישע ריכטליניעס פון דער פרעסע, נוצען זיי אויס די פראקטיק און דערפארונגען פון א גרויסער און רייכער פריוואט פירמע אויפ'ן געביט פון צייטונגס־טעכניק.

5 מיליאן טרייד יוניאן לייט אין דייטשלאנד.

אין דעם אלגעמיינעם דייטשען געווערקשאפטס־בונד געפינען זיך איצט נאהענט פון פינף מיליאן מיטגלידער (גענוי 4,942,986). די באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי דייטשלאנד. די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר האט דעריבער אין פארגלייך מיט דעם אלגעמיינעם דייטשען געווערקשאפטס־בונד געדארפט פארמאגען ארום צעהן מיליאן מיטגלידער. דאס וואלט ווירקליך געווען א פיינע, איינדרוקספולע ארבייטער ארמיי, פאר וועלכער מען וואלט אין אמעריקא געהאט גרויס רעספעקט, און דער איינפלוס פון די ארבייטער אין דער אמעריקאנער געזעלשאפט וואלט געווען אומפארגלייכליך גרעסער ווי היינט.

בערלין — א פראלעטארישע וועלט שטאדט.

בערלין איז נישט נאר די הויפט־שטאדט פון פרייסען און פון גאנץ דייטשלאנד; בערלין איז נישט נאר די שטאדט פון וועלט־האנדעל און וועלט־פארקעהר, נאר איז אויך א גרויסע פראלעטארישע שטאדט, אין וועלכער דאס פראלעטאריש־פאליטישע לעבען פולסירט שטארקער ווי אין אנדערע שטעדט. אין בערלין האט דער שטאדט־ראט א פראלעטארישע מערהייט, און דאך האט נישט בערלין קיין סאציאליסטישע מערהייט אין מאגיסטראט. דאס נעמט זיך דערפון, וואס אין געגענזאץ צו דער הויפט־שטאדט פון עסטרייך, ווין, וואו די סאציאליסטישע פארטיי איז אליין די הערשערין, האט בערלין א גרויסע צאהל קאמוניסטישע ראטמענער, פאר וועלכע עס איז, ווי אומעטום, דער הויפט שונא נישט דער קאפיטאליסט אדער גרויסער ערד־באזיצער מיט זייער מלוכה־אפאראט, נאר די ארבייטער־סאציאליסטען.

די מעהרהייט אין שטאדט־ראט אין בערלין איז נישט קיין צופעליגע און שטיצט זיך נישט אויף מיטלויפער פון די קליין־בירגער; אין בערלין זיינען די ארבייטער און אנגעשטעלטע די מערהייט פון דער באפעלקערונג.

לויט די פאבריק ציילונג, וועלכע איז פארגעקומען אין דייטשלאנד דעם 16טען יוני, 1925, האט בערלין פארמאגט 1,712,371 ארבייטער און אנגעשטעלטע וועלכע זיינען געווען באשעפטיגט אין 294,192 אונטערנעמונגען, וואס מאכט אויס איין צעהנטעל פון אלע פראפעסיאנעל־טעטיגע און איין צוועלפטעל פון אלע אונטערנעמונגען פון גאנץ דייטשלאנד. דערביי ציילט נאך בערלין 4 מיליאן איינוואוינער, וואס מאכט אויס עטוואס ווייניגער פון א פופצעהנטעל פון דער גאנצער באפעלקערונג אין דייטשלאנד.

בערלין פארמאגט צוויי מיליאן מיט צוויי הונדערט טויזענט ארבייטענדיגע, ד. ה., אלזא, די מערהייט פון אלע בערלינער איינוואוינער, אריינרעכענענדיג די פרויען, קינדער און זקנים, זיינען ארבייטער, אנגעשטעלטע אדער באשעפטיגטע אלס דינסט־פערסאנאל. צורעכענענדיג צו דער אנגעגעבענער צאהל באשעפטיגטע די פרויען און קינדער, באקומען מיר דעם רעזולטאט, אז 3 מיליאן בירגער אדער דריי פערטעל פון אלע בערלינער איינוואוינער געהערען צו דער ארבייטענדיגער באפעלקערונג.

בלויז 387 טויזענט פערזאן לעבען אין בערלין פון רענט און צינזען. דערביי זיינען דער גרעסטער טייל רענטען־נעמער — אינוואלידען.

ד. ניננאלד ווידער ערוועהלט אלס מענעדזשער פון רעינקאוט מאכער יוניאן.

לעצטען שבת זיינען פארגעקומען די עלעקשאנס פאר א נייע יוניאן אדמיניסטראציע אין דער ניו יארקער רעינקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 20 א. ל. ג. וו. י.. אחוץ די וואהלען איז פארגעקומען א פארביסענער וואהל קאמף, און פאר יעדען וויכטיגען יוניאן אמט זיינען געלאפען צו עטליכע קאנדידאטען. פאר'ן אמט פון לאקאל סעקרעטער זיינען אזש געלאפען 4 קאנדידאטען.

אינ'ם טאג פון די וואהלען איז די אינטערנעשאנעל בילדינג, וואו עס געפינען זיך די העדקוואדערס פון דער רעינקאוט מאכער יוניאן, געווען פשוט באלאגערט מיט יוניאן לייט וואס זיינען געקומען ערפילען זייער וואהל־פליכט פאר יוניאן באאמטע, און די וואהל באטייליגונג איז געווען זעהר גרויס.

דוד ניננאלד, דער ביז איצטיגער מענעדזשער, איז ווידער ערוועהלט געווארען פאר'ן מענעדזשער פון דער יוניאן. אלס סעקרעטער איז ערוויילט געווארען סעם פרידמאן; אלס טשערמאן פון לאקאל איז ערוועהלט געווארען מאריס ראפאפארט און אלס ווייס־טשערמאן דזשאו קעסלער.

עס איז איצט אייער הייליגער חוב אפצוהיטען די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער, וואס זיינען אויסגעקעמפט געווארען דורכ'ן גענעראל סטרייק: קיין שבת ארבייט! קיין שפיק־ארבייט! ניט א מינוט מעהר ווי 40 שעה ארבייט אין א וואך!

א שלעכטער מאגען
ברענגט קאפ־שמערצען, אונריינע בלוט, אפענדיסיטיס, און פיעלע אנדערע קראנקהייטען.
עקס־לאקס
דער טשאקאלאד אפפיהר־מיטעל
האלט אייער מאגען אין ארדנונג
עקס־לאקס קורירט פערשטאפונג און אין דערזעלבער צייט פערהיט עס אייך פון פיעלע קראנקהייטען, וועלכע קומען פון א שלעכטען און פערשטאפטען מאגען.
עקס־לאקס איז די וויכטיגסטע ערפינדונג פון די לעצטע יאהר־הונדערט און ווערט רעקאמענדירט פון פראמינענטע מאגען־ספעציאליסטען.
10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

יוניאן איז געגען דעם פארלאנג פון די דרעס מאנופעקטשורערס צו מעגען אפזאגען א געוויסע צאל ארבייטער יעדען סעזאן

אין א טרייד וואו מען ארבייט שטיק־ארבייט קען נים זיין קיין רייד פון רעארגאניזיישאן. — זאגען דזשענעראל מענעדזשער נאגלער און וויס־פרעזידענט האכמאן. — קאנפערענצען וועלען ווייטער פארטגעזעצט ווערען.

באלעבאטים קענען גארנישט באקומען — זאגט פרעזידענט שלעזינגער

ביי דער צווייטער קאנפערענץ צווישען די פארשטעהער פון דער יוניאן מיט די פארשטעהער פון דער ניי־געגרינדעטער „אפיליאייטעד" דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן, וועלכע איז פארגעהאלטען געווארען לעצטען מאנטאג אווענט, האט די יוניאן ענטשידען צוריקגעוויזען די געגען־פאדערונג פון די באלעבאטים, וועלכע פארלאנגען א רעארגאניזיישאן־רעכט אין דער דרעס אינדוסטריע.

די פארשטעהער פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן זיינען געקומען צום קאנפערענץ מיט א רייהע געגען־פאדערונגען, אלס ענטפער אויף די פאדערונגען, וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט ביים ערשטען קאנפערענץ לעצטען דאנערשטאג. די וויכטיגסטע פון זיי איז די פאדערונג אז די דרעס באסעס זאלען אויך האבען דאס רעכט פון „ריארגאניזיישאן", דאס הייסט, דאס רעכט ארויסצושיקען א געוויסע צאהל ארבייטער פון שאפ יעדען יאהר אהן אן אורזאכע. די מאנופעקטשורערס בארופען זיך אויף'ן אגרימענט פון דער יוניאן מיט'ן אינדוסטריעל קאנפערענץ פון קלאוק טרייד.

אין דעם ענטפער, וואס וויס־פרעזידענט האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, נאגלער, און די איבעריגע מיטגלידער פון דער קאמיטע, האבען געגעבען די בעלי בתים, ווייזען די אן, אז אין דער צייט וואס די מאנופעקטשורערס בארופען זיך אויף דעם אגרימענט פון דער יוניאן מיט דעם אינדאסטריעל קאונסיל, ווילען זיי פונדעסטוועגען דורכאויס אויסהאלטען די סיסטעם פון שטיק ארבייט, ווען דער אינדאסטריעל קאונסיל האט געקראגען א באגרענצטע רעכט פון ריארגאניזיישאן בלויז דערפאר וואס אין דעם טרייד הערשט די וואך־ארבייט סיסטעם. „אזוי לאנג ווי דער גרעסערער טייל ארבייטער ביי דרעסעס וועלען קריגען באצאהלט פון שטיק", האבען די יוניאן פארשטעהער ערקלערט, „קען ריארגאניזיישאן אפילו נים גענומען ווערען אין אמבאטראכט".

צווישען די אנדערע געגען־פאדערונגען פון דער אסאסיאיישאן, וועלכע די יוניאן האט ענטזאגט, איז אויך געווען די פאדערונג אז צוויי מאנאטען יעדען סעזאן זאלען די ארבייטער מעגען ארבייטען שבת אהן עקסטרא באצאהלט, און אז אין דער ביזי־צייט זאלען די באסעס מעגען איינשטעלען ארבייטער צוטיילונג. די יוניאן פארשטעהער האבען אנגעוויזען, אז טראץ דעם וואס די אסאסיאיישאן באהויפטעט אז זיי זיינען צופרידען מיט דעם 5 טאג 40 שטונדיגע וואך, מיינט זייער פאדערונג פאר ארבייטען שבת אהן עקסטרא באצאהלט די פראקטישע אפשאפונג פון דער 40־שטונדען וואך, עטוואס וואס די יוניאן וועט קיינמאל נים ערלויבען.

ווען פרעזידענט שלעזינגער איז דינסטאג צוריקגעקומען פון קליוולאנד, האט ער פאר א פארטרעטער פון דער „גערעכטיגקייט" ערקלערט, אז די באלעבאטים וועלען קיינמאל נים באקומען פון דער יוניאן דאס רעארגאניזיישאן רעכט און אז די ארבייטער אין דער אינדוסטריע וועלען זיך וועהרען דאגעגען מיט אלע כחות. קאנפערענצען צווישען ביידע צדדים וועלען פארטגעזעצט ווערען.

טשילדרען דרעס מאנופעקטשורערס גרינדען אסאסיאיישאן און פארהאנדלען שוין מיט דער יוניאן

סטרייק אין דער אינדוסטריע פונדעסטוועגען אונפארמיידליך, ווייל סוועט שעפער מוזען פארניכטעט ווערען. — זאגט וויס־פרעזידענט ה. גרינבערג.

די טשילדרען דרעס מאנופעקטשורערס האבען זיך ענדליך ארומגעזעהען, אז אויך זיי מוזען זיך ארגאניזירען און אז א קאלעקטיווער אגרימענט מיט דער יוניאן איז היינט צו טאג אן אומפארמיידליכע זאך. די לעגיטימע מאנופעקטשורערס זיינען ענדליך אויך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די הונדערטער סוועט שעפער אין דער אינדוסטריע ווייזען פאר זיי פונקט אזא פלאג ווי פאר די ארבייטער אין דער אינדוסטריע.

נאך אייניגע מיטינגען, וואס א צאהל טשילדרען דרעס מאנופעקטשורערס האבען אפגעהאלטען, האבען זיי זיך ארגאניזירט אין אן אסאסיאיישאן און באשלאסען זיך צו ווענדען צו דער אינטערנעשאנעל פאר א קאנפערענץ וועגען שליסען אן אגרימענט מיט דער יוניאן.

די אסאסיאיישאן רופט זיך „די אינפענט טשילדרען און דזשוניאר ווער אסס'ן". מר. לואי קייסיל, פון דער ר. און ק. רעגוליישאן, איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט; סעמועל ראזענבאום, פון דער „ראיאל נאוועלטי", איז סעקרעטער; הערי סטוירטנאלד, פון דער „פערנעט", איז וויס־פרעזידענט, און ל. בענדזשאמין איז טרעזשורער.

ווי וויס־פרעזידענט ה. גרינבערג, מענעדזשער פון טשילדרען דרעסמייקערס יוניאן, ערקלערט, זיינען איצט דא גוטע אויסזיכטען צו שליסען א קאלעקטיווען אגרימענט אין טרייד און אפשאפען די הפקרות, וואס עס האט אין דעם טרייד געהערשט די לעצטע עטליכע יאהר, פון וואס די ארבייטער האבען געליטען אממערסטען.

אויף דער פראגע פון דעם רעפארטער פון דער „גערעכטיגקייט", צי עס איז מעגליך אז דורך ערפאלגרייכע פארהאנדלונגען צווישען דער יוניאן און דער ניי־געגרינדעטער אסאסיאיישאן אין דער טשילדרען דרעס אינדוסטריע זאל קענען פארהינדערט ווערען א גענעראל סטרייק אין דער אינדוסטריע, האט מענעדזשער גרינבערג געענטפערט, אז א סטרייק וועט יעדענפאלס מוזען גערופען ווערען, ווייל עס האבען זיך אנגעפלאדיעט הונדערטע קליינע און גרעסערע סוועט שעפער און זיי מוזען אום יעדען פרייז אויסגעראטעט ווערען. גרינבערג רעכנט, אז דער גענעראל סטרייק אין דער טשילדרען דרעס אינדוסטריע וועט מסתמא גערופען ווערען גלייכצייטיג מיט'ן גענעראל סטרייק אין דער דרעס אינדוסטריע, ווייל ביידע טריידס האבען געוויסע בשותפות'דיגע אינטערעסען.

ניו יארקער יוניאן מעמבערשיפ שטימט מיט באגייסטערונג פאר דעם אינטערנעשאנאל טעקס

גרויסע מיטגלידער מיטינגען הערען אויס קאנווענשאן בעריכטען און גרייטען זיך צו וואהלען פאר נייע לאקאל יוניאן אדמיניסטראציעס. — גרויסע מיטינגען פון לאקאלס 2, 35 און 17.

אין משך פון דער לעצטער וואך זיינען אפגעהאלטען געווארען עטליכע גרויסע יוניאן מיטינגען פון ניו יארקער לאקאלס. אלע מיטינגען זיינען געווען זעהר צאהלרייך באזוכט. איבעראל האט מען אויסגעהערט די קאנווענשאן בעריכטען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. די באשלוסען פון דער קאנווענשאן וועגען איינפיהרען געוויסע רעפארמען אין אונזער אינטערנעשאנעל, זיינען איינגענומען געווארען מיט דער גרעסטער באגייסטערונג. די מיטגלידער האבען אויף דיזע מיטינגען באוויזען, אז זיי קענען נים נאר פאדערען רעכטען, נאר אויך נעהמען אויף זיך פליכטען צו דער יוניאן. דאס האט מען געזעהן באשטיינפערלאך, ווען עס איז געקומען צו דער אפשטימונג וועגען דעם 5 דאלאר אסעסמענט פאר צוויי יאהר צייט, וואס די לעצטע קאנווענשאן אין קליוולאנד האט באשלאסען, אום צו קענען באצאהלען די חובות וואס די קאמוניסטען האבען נאך זיך איבערגעלאזען. דער טעקס איז איבעראל, וואו מען האט איבער איהם געשטימט, איינשטימיג אנגענומען געווארען.

דער מיטינג פון לאקאל 2 איז פארגעקומען אין וועבסטער האל און האט צוזאמענגעצויגען א גרויסען עולם. דער מיטינג האט זיך הויפטזעכליך באשעפטיגט מיט די עלעקשאן פארבארייטונגען פאר א נייער לאקאל יוניאן אדמיניסטראציע. עס איז ערוועהלט געווארען אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע.

דער מיטינג פון לאקאל 35 איז פארגעקומען אין ברייענט האל, און דער לאקאל 17 מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין בילדינג פון דער אינטערנעשאנעל.

שיקאגאער יוניאן וויזט צוריק פארשלאג איינצופיהרען שטיק ארבייט

(ספעציעלע טעלעגראמע צו דער „גערעכטיגקייט" פון וויס־פרעז. מ. ביאלים).

לעצטען מאנטאג איז דא פארגעקומען א קאנפערענץ צווישען דער יוניאן און די שיקאגאער קלאוק מאנופעקטשורערס וועגען דער באנייאונג פון אגרימענט, וואס גייט אויס ענדע יאהר. די פארשטייער פון דער יוניאן האבען געפאדערט א העכערונג אויף די וויידזשעס פון $2.50 פאר אפערייטארס און 5 דאלאר א וואך פאר אלע אנדערע ארבייטער אין טרייד, און א ארבייטסלאזען אינשורענס־פאנד. די באלעבאטים האבען ארויסגעשטעלט געגען־פאדערונגען. זיי פארלאנגען שטיק־ארבייט, וועניגער ליגעל־האלידעים און אז די ביזנעס־איידזשענטס זאלען מעהר נים טארען באזוכען די שעפער.

די יוניאן פארטרעטער האבען צוריקגעוויזען אלע געגען־פאדערונגען פון די מאנופעקטשורערס. א צווייטע קאנפערענץ וועט אינגיכען פארקומען.

די יוניאן איז געווען פארטראטען דורך סעקרעטאר גאלדשטיין, נאוואק, מיבאקאף, האכמאן, דזשעדאס און וויס־פרעזידענט ביאלים, וועלכער האט אנגעפיהרט מיט דער דעלעגאציע.

קיינע ענדערונגען אין דעם אינדאסטריעל קאונסיל דעפארטמענט

ברודער סעם פערלמוטער, דער מענעדזשער פון אינדאסטריעל קאונסיל דעפארטמענט ביים דזשאינט באארד, איז ערוועהלט געווארען פאר מענעדזשער פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10 אויף עקסטינג פרעזידענט ד. דובינסקי'ס ארט, וועלכער האט שוין פארלאזען דעם אמט פון זיין ביז איצטיגען דעפארטמענט. אזוי ווי עס איז שווער פאר די וואהלען פון נייע ביזנעס אגענטען פאר דער גאנצער דזשאינט באארד און פאר דער רעארגאניזאציע פון דער גאנצער דזשאינט באארד מאשינעריע, האט דזשענעראל מענעדזשער ברודער איזידאר נאגלער רעקאמענדירט צו דער באארד און דירעקטארס, אז עס זאלען נים געמאכט ווערען קיינע ענדערונגען ביז נאך די וואהלען און אז ברודער ליוויי, דער אסיסטענט מענעדזשער פון אינדאסטריעל קאונסיל, זאל דערווייל פיהרען דעם אמט. ברודער פערלמוטער האט [illegible] זיין פולע הילף און, [illegible] א וואך קומען אין אפיס פון דזשאינט באארד ביז די רעארגאניזאציע וועט אין גאנצען דורכגעפירט ווערען.

רעזערווירט אייך פאר ניי־יאהר אין יוניטי הויז

אונזער שעהנע יוניטי הויז איז אפען דעם גאנצען ווינטער. די יוניטי פארוואלטונג האט איינגעצייכענט ספעציעלע ווינטער רומס מיט סטים היט, אז עס איז א מחיה. דאס עסען און די באקוועמליכקייטען זיינען פונקט אזוי גוט ווי אום זומער. פאר אלע וויק ענדס ווערען צוגעגרייט ספעציעלע איבערראשונגען. לכבוד ניי יאהר וועט דארטען זיין לוסטיג און פרעהליך. ספעציעל די יוגענט וואס האבען ליב ווינטער ספארטס זאלען זיך וואס שנעלער רעזערווירען פאר ווינטער וואקיישאן ארער פאר וויק ענדס.

אלע אינפארמאציעס צו באקומען אין 3 וועסט 16טע סטריט. טעל. טשעלסי 2148.

מאנטאג אווענט, 30טען דעצעמבער, צום דזשאינט מיטינג אין דער רענד סקוהל